אָקספֿאָרדער ייִדיש

# *OKSFORDER YIDISH*

# A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

## I

**Edited by**
**Dovid Katz**

harwood academic publishers
in cooperation with the
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies

ISBN 3-7186-4979-9
ISSN 1044-3614

# *OKSFORDER YIDISH*

# A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

I

1990

Edited by
Dovid Katz
*Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies*
*and*
*St Antony's College, Oxford*

ביבליאָטעק פון דער משפּחה קאַץ
מעניקע, רבקה און הירשע־דוד

harwood academic publishers
chur london paris new york melbourne
in cooperation with the
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies

# CONTENTS


Dovid Katz (Oxford)
Yiddish in Yiddish 1

Marion Aptroot (Oxford & London)
Blitz and Witzenhausen: New Aspects of an Old Conflict 3

Majer Bogdanski (London)
Yiddish Culture in Prewar Piotrków (Pyeterkov) 39

Wladyslaw T. Bartoszewski (Oxford)
Jews in Polish Folklore 53

Joseph Bar-El (Ramat Gan)
Halachic Sources of Old Yiddish Words 65

Lewis Glinert (London)
On Mendele's Syntax in *Fishke der krumer* 77

Jeffrey Grossman (Austin)
Why do Literary Historians Ignore A. N. Stencl? 91

Shmuel Hiley (London)
On the Origins of Ashkenaz and Yiddish 107

Heather Valencia (Stirling)
Abraham Sutzkever's "Ode tsu der toyb" 115

Rakhmiel Peltz (New York & Boston)
The Politics of Researching Spoken Yiddish in the USA and the USSR 141

S.S. Prawer (Oxford)
In Honour of Professor Chone Shmeruk 159

Dovid Katz (Oxford)
Older Yiddish Lexicography: Sources and Methods 161

Menke Katz (New York)
Watchmaking in Mikhalishek 233

Robert D. King (Austin)
A Conspiracy and a Question Mark 247

Dafna Clifford (Oxford)
Irony in Arthur Schnitzler and Lamed Shapiro 253

Dov-Ber Kerler (Oxford)
Beginnings of Modern Literary Yiddish (1771–1798) 271

Joseph Kerler (Jerusalem)
My Teacher Elye Falkovitsh 317

Hadassah Shy (Beer Sheva)
Remnants of Yiddish in the German of Schopfloch 333

Chone Shmeruk (Jerusalem)
Yiddish Literature and Collective Memory: The Khmelnitski Pogroms 357

In memoriam: Hartog Beem 383

In memoriam: Florence Guggenheim-Grünberg 387

Seven Letters from Sholem Ash to Moyshe Sanders 391

Announcements 400

Acknowledgements 401

# אָקספֿאָרדער ייִדיש

I

רעדאַקטאָר

הירשע־דוד קאַץ

האַרוואַרד אַקאַדעמישער פֿאַרלאַג
בשותּפֿות מיטן
אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העבראַיִשע שטודיעס

# אָקספֿאָרדער ייִדיש

I

1990

ביבליאָטעק פֿון דער משפּחה קאַץ
מינקע, רבקה און הירשע־דוד

רעדאַקטאָר
הירשע־דוד קאַץ

האַרוואָוד אַקאַדעמישער פֿאַרלאַג
קור, לאָנדאָן, פּאַריז, ניו־יאָרק, מעלבורן
בשותּפֿות מיט
אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס

# אינהאַלט

הירשע־דוד קאַץ (אָקספֿאָרד)

**יידיש בײדיש** 1

מאַריאַן אַפּטראַד (אָקספֿאָרד און לאָנדאָן)

**בליץ און וויצנהויזן: נײַע פּנימער פֿון אַן אַלטער מחלוקת** 3

מאיר באָגדאַנסקי (לאָנדאָן)

**דאָס יידישע קולטור־לעבן אין פֿאַרמלחמהדיקן פּיעטערקאָוו** 39

װלאַדיסלאַװ באַרטאָשעװסקי (אָקספֿאָרד)

**דער ייִד אין פּױלישן פֿאָלקלאָר** 53

יוסף בר־אל (רמת גן)

**הלכהשע מקורות פֿון אַלט־יידישע װערטער** 65

לײזער גלינערט (לאָנדאָן)

**צו מענדעלעס סינטאַקס אין פֿישקע דער קרומער** 77

יעידע־העש גרויסמאַן (אָסטין)

**פֿאַרװאָס איגנאָרירן די ליטעראַטור־היסטאָריקער א. נ. שטענצלען?** 91

שמואל הײַלע (לאָנדאָן)

**איבערן אָנהײב פֿון אַשכּנז און יידיש** 107

העטהער װאַלענסיאַ (סטערלינג, שאָטלאַנד)

**אַבֿרהם סוצקעװערס „אָדע צו דער טױב"** 115

רחמיאל פּעלץ (ניו־יאָרק און באָסטאָן)

**די פּאָליטיק פֿון פֿאָרשן די געֶרעדטע שפּראַך אין די**
**פֿאַראײניקטע שטאַטן און אין סאָװעטן־פֿאַרבאַנד** 141

ז. ש. פּראַװער (אָקספֿאָרד)

**לכּבֿוד פּראָפֿעסאָר חנא שמערוק** 159

הירשע־דוד קאַץ (אָקספֿאָרד)

די עלטערע יידישע לעקסיקאָגראַפֿיע: מקורות און מעטאָדן 161

מעינקע קאַץ (ניו־יאָרק)

דייגערמאַכֿעריַי אין מיכֿאַלישעק 233

ראָבערט ד. קינג (אָסטין)

אַ קאָנספּיראַציע און אַ פֿראַגע־צייכֿן 247

דפֿנה קליפֿאָרד (אָקספֿאָרד)

איראָניע בײַ אַרטור שניצלער און ל. שאַפּיראָ 253

דובֿ־בער קערלער (אָקספֿאָרד)

די התחלות פֿון דער מאָדערנער ליטעראַטור־שפּראַך (1798-1771) 271

יוסף קערלער (ירושלים)

וועגן מײַן לערער עליע פֿאַלקאָוויטש ז"ל 317

הדסה שני (באר־שבֿע)

די רעשטלעך פֿון יידיש אין שאָפֿלאַך 333

חנא שמערוק (ירושלים)

יידישע ליטעראַטור און קאָלעקטיווער זכרון: די כמעלניצקי־גזירות 357

* * *

האַרטאָך בײַם 383

פֿלאָרענץ גוגנהײַם־גרינבערג 387

זיבן בריוו פֿון שלום אַש צו ר' משה סאַנדערס 391

אַנאָנסן 400

דאַנק וואָרט 401

# די עלטערע יידישע לעקסיקאָגראַפֿיע

## מקורות און מעטאָדן

פֿ״

הירשע־דוד קאַץ

אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס

און ס״ט אַנטאָני׳ס קאָלעדזש בײַם אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט

## I

## אַרײַנפֿיר

### 1.1 די עלטערע יידישע לעקסיקאָגראַפֿיע.

די אויסשעפּיקע אויפֿדעקונג, די ביבליאָגראַפֿישע אײַנסדרונג און די היסטאָרישע באַשרײַבונג פֿון אונדזער עלטערער לעקסיקאָגראַפֿיע בלײַבן וויכטיקע אַרבעטן צו וועלכע די יידישע פֿילאָלאָגיע דאַרף זיך אַ נעם טאָן. דער איצטיקער איבערבליק איז אויסן צו קלאַסיפֿיצירן פֿון ל י נ ג ו י ס ט י ש ן שטאַנדפּונקט די הויפּט־מינים יידישע לעקסיקאָגראַפֿיע (§1.2); מאַכן אַ סך־הכל פֿון די ליטעראַרישע זשאַנרען פֿון דער עלטערער לעקסיקאָגראַפֿיע (§2); אַרומריידן אויסגעקליבענע עלטערע ווערק וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אין יעדן איינעם פֿון די (§3-§6); מסכּם זײַן די אויפֿגאַבן אויף להבא (§7). אומעטום ווערט דער טראָפּ אַוועקגעשטעלט אויף דער פֿאַרגעלייגטער מ ע ט אָ ד אָ ל אָ ג י ע אויף צו

רעקאָנסטרויִרן דעם דיאַלעקטאָלאָגישן עבֿר פֿון אונדזער שפּראַך נוצנדיק לעקסיקאָגראַפֿישע מקורות אַלס רעזערוואַרן.

מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער לעקסיקאָגראַפֿיע ברענגען שטיינשנײַדער (1859\1937), אַווע־לאַלעמאַן (1862: 211-255) גרינבוים (1882: 10-53, 459-548) פּערלעס (1884, לויטן זוכצעטל זז' 240-243), באָראָכאָוו (1913: נב' 1-100), שולמאַן (1913: 112-122), מ. ווײַנרײַך (1923א; 1923ב: 59-139), צינבערג (1935: 39-42), אסף (1947: 249-333), האַבערזאַט (1954-1955), נאָבל (1961-1962), דינזע (1974: 3-8, 9-12, 105-107, 166-170, 245-248, 263-267), אַבראַמסקי (1981: 130-131) און שמערוק (1981: 75-76, 79, 85-86, 89-91, 97-98, 111-112).

## 1.2 פֿיר מינים לעקסיקאָגראַפֿיע.

די לעקסיקאָגראַפֿיע, פּונקט ווי אַנדערע צווײַגן פֿון דער פֿילאָלאָגיע, קען מען אײַנטיילן אויף פֿאַרשידענערליי אופֿנים, געווענדט אין ציל פֿון דער קלאַסיפֿיקאַציע. פֿון לינגוויסטישן שטאַנדפּונקט קען מען אויפֿשטעלן פֿיר הויפּט קאַטעגאָריעס, וואָס איך וועל זיי דאָ אילוסטרירן מיט בײַשפּילן פֿון נײַנצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

### 1.2.1 דיאַלעקטישע לעקסיקאָגראַפֿיע.

די דיאַלעקטישע לעקסיקאָגראַפֿיע זאַמלט צונויף בכוונה צי ניט בכוונה ווערטער פֿון אַן איינאיינציקן דיאַלעקט. אַ קלאַסישן מוסטער אין דער מאָדערנער צײַט האָט מען אין יהושע־מרדכי ליפֿשיצעס ווערטערביכער (1869, 1876) וואָס אין זיי ווערט „במעט אויסגעשעפּט דער לעקסישער אוצר פֿון דעם דרום־רוסלענדישן יידיש" (פּרילוצקי 1917: xii). בעת ליפֿשיצעס רעפֿאָרמאַטאָרישע פּרוּוון, דער עיקר אין דער אָרטאָגראַפֿיע, זײַנען פֿאַרבליבן ניט מער ווי אַ קוריאָז אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער שפּראַך־פֿאָרשונג, און ניט געקוקט אויף דעם וואָס זײַן ציל איז געווען יידיש בכלל, ניט נאָר זײַן היימישער דרום־מזרח יידיש, איז דער עצם גראַנדיעזער אויפֿטו זײַנער, קוקנדיק אויף צוריק, באַשטאַנען אין איבערגעבן

אַזוי פּרעכֿטיק זײַן היימיש לשון, יידיש אין דער אוקרײַנע (זע שעכֿטער 1984-1986). מאָדערנע מוסטערן פֿון **באַוואוסטזיניקער** דיאַלעקטישער לעקסיקאָגראַפֿיע, ד"ה פֿון שילדערונגען פֿון די ספּעציפֿישקייטן פֿון אַ געוויסן שטח האָט מען אַשטייגער אין גוגענהײַם־גרינבערגס (1976) ווערטערביכֿל פֿון זורבטאַלער יידיש אין דער שווייץ און אין ביימס ווערק איבער יידיש אין האָלאַנד (ביים 1970; 1975). וועגן די ביידן, זע די טרויער־נאָטיצן אין איצטיקן באַנד.

### 1.2.2 דיאַלעקטאָלאָגישע לעקסיקאָגראַפֿיע.

די דיאַלעקטאָלאָגישע לעקסיקאָגראַפֿיע איז גאָר אויסן אַרויסצוהייבן די אינעווייניקסטע אונטערשיידן אין תחום פֿון אַ לשון, צי דאָס זײַנען געאָגראַפֿישע אונטערשיידן צי סאָציאַלע. אין אַ צווייִשפּראַכיקן ווערטערבוך קען מען דאָס אויפֿטאָן אויף אַ בפֿירושדיקן אופֿן, ווי אין אַן ענגליש־יידישן ווערטערבוך וואָס זאָל אַשטייגער פֿאַרטײַטשן are מיט *זײַנען* (צפֿון־מזרח יידיש) און *זענען* (דרום־מזרח און צענטראַל־מזרח יידיש); צי דער שײַכותדיקער ווערטערבוך ווײַזט אָן וועלכֿע פֿאָרמע געהערט וועלכֿן דיאַלעקט ווענדט זיך אין דער מאָס „דיאַלעקטאָלאָגישקײַט". אין אַן איינשפּראַכיקן ווערטערבוך קען דאָס געטאָן ווערן פּשוט דורכֿן אָנווײַזן אויף וואַריאַנטן, ווי למשל אין *גרויסן ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך* (יאָפֿע און מאַרק 1961, 1966; מאַרק 1971, 1980). כֿאָטש די יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע בתורת אָרגאַניזירטע וויסנשאַפֿט איז אויפֿגעקומען ערשט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז די יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע לעקסיקאָגראַפֿיע שוין אַלט אַ שיינע פּאָר הונדערט יאָר (§4).

### 1.2.3 איבערדיאַלעקטישע לעקסיקאָגראַפֿיע.

ווערטערביכֿער וואָס סטאַרען זיך אַרומצונעמען אַלע דיאַלעקטן (לאו דווקא אויסשעפּיקערהייט, דאָס קען מען במילא ניט) שטעלן מיט זיך פֿאָר מוסטערן פֿון דער **איבערדיאַלעקטישער** לעקסיקאָגראַפֿיע וואָס צילט זיך אויף דער סאָציאַלער אַבסטראַקציע **כּלל־שפּראַך** (אָדער **סטאַנדאַרד־שפּראַך**). דער ציל באַשטייט אין איבערגעבן דעם „אַלגעמיינעם" גערעדטן און

ליטעראַרישן נוסח פֿון דער שפּראַך, ניט האַלטנדיק זיך בײַ וועלכֿן ניט איז איינציקן דיאַלעקט. דער ערשטער מאָדערנער מײַסטער פֿון דער אייבערדיאַלעקטישער לעקסיקאָגראַפֿיע פֿון יידיש איז געוועז דער פּיאָנערישער אַלכסנדר האַרקאַווי (זע קאַץ 1988א). גאָר אינטערעסאַנטע מוסטערן פֿון אייבערדיאַלעקטישער לעקסיקאָגראַפֿיע פֿון ווײַטערן עבֿר האָבן זיך אויפֿגעהיט (§5).

אַ צווײַג פֿון אָט דעם זשאַנער איז די נאָרמאַטיווע לעקסיקאָגראַפֿיע וואָס איז אויסן אויף אַן אַקטיוון אופֿן צו באַאײַנפֿלוסן דעם אופֿן ווי אַזוי מענטשן ריידן און שרײַבן. אין אונדזער צײַט איז דער באַקאַנטסטער בײַשפּיל אוריאל ווײַנרײַכֿס (1968) *מאָדערן ענגליש־יידיש יידיש־ענגליש ווערטערבוך* וואו ס'ווערן בפֿירוש געפּסלט ווערטער וואָס זײַנען אין אַלגעמיינעם באַנוץ, אַפֿילו אין ליטעראַרישן באַנוץ, און בשעתּ מעשה ווערן אַרײַנגענומען אַ ים מיט נעאָלאָגיזמען וואָס קיינער באַנוצט זיך ניט מיט זיי. אָט אַזאַ מין נאָרמאַטיוויזם וועט מען אומזיסט זוכֿן אין פֿריערדיקע יאָרהונדערטער. און דאָך זעט מען געוויסע נאָרמאַטיווע שטרעבונגען אַרײַנגעפֿלאָכֿטן מיט דער סוחרישער שטרעבונג צו אַל־אייראָפּעאישקײַט (§5).

## 1.2.4 ספּעציאַליזירטע לעקסיקאָגראַפֿיע.

קיין ווערטערבוך איז ניט פֿעאיק צו זײַן אויסשעפּיק, די מענטשלעכֿע שפּראַך פֿון אַ יחיד איז מדעיקרא צו רײַך און צו נאָכֿאַנאַנד־בײַטנדיק וועלכֿער ניט איז לעקסיקאָגראַף זאָל עס קענען אומבאַגרענעצטערהייט אויפֿצייכֿענען, קל וחומר די שפּראַך פֿון ציבור. און דאָך שטרעבן מחברים צו פֿאַרשידענע מדרגותּ אויסשעפּיקײַט. אַנדערש איז דער פֿאַל בײַ ספּעציאַלידירטע ווערטערביכֿער וואָס זײַנען א ו י ס ן אַרומצונעמען נאָר איין ט י י ל פֿון דער שפּראַך, אַשטייגער דעם סעמיטישן חלק פֿון יידיש, ווי למשל די ווערטערביכֿער וואָס ס'האָבן צונויפֿגעשטעלט גאָלאָמב (1910), ספּיוואַק און יהואש (1911), פּערעפֿערקאָוויטש (1929) און שטיינבערג (1949). אין דער עלטערער לעקסיקאָגראַפֿיע געפֿינט מען ווערטערביכֿער פֿון סעמיטיזמען (§6.1), דערצו אויך ווערטערביכֿער פֿון אינטערנאַציאָנאַליזמען (§6.2), דײַטשמעריזמען (§6.4) און פּרט־נעמען (§6.4).

## II
## זשאַנרען

### 2.1 די טײַטש־טראַדיציע.

די איבערזעצונגס־קונסט קען מען קוים אָנרופֿן מיטן נאָמען לעקסיקאָגראַפֿיע. דאָס איז אָבער גערעדט געוואָרן אין שײַכות מיטן הײַנטיקן באַגריף „איבערזעצונג“. פֿאַרגעדענקען דאַרף מען, אַז דאָ גייט די רייד וועגן אַ ניט־איבערגעריסענער קייט, אַ קאָנטינואום, וואָס הייבט זיך אָן מיט איינאײנציקע טײַטש־ווערטער (גלאָסן) דאָ און דאָרטן, וואָס איז כּולל פֿאַרשידענערליי ווערטערביכער און וואָס לאָזט זיך אויס מיט פֿולע געבונדענע איבערזעצונגען אין מאָדערנעם זין (זע שטערק און לײַצמאַן 1923; צינבערג 1935: 44-39).

#### 2.1.1 איינציקע טײַטש־ווערטער.

כּידוע זײַנען אויפֿגעהיט געוואָרן איינציקע ייִדישע טײַטש־ווערטער אין לשון־קודשדיקע טעקסטן פֿונעם צוועלפֿטן און פֿונעם דרײַצנטן יאָרהונדערט (זע למשל מ. ווײַנרײַך 1973: II, 332; III, 7; IV, 273; דינזע 1974: 166). אין אַ סך עלטערע לשון־קודשדיקע גלאָסאַרן צום תּנ״ך ווערן שווערערע אײנסן (ווערטער אָדער פֿראַזן) פֿונעם מקור צי פֿונעם גלאָסאַר גופֿא פֿאַרטײַטשט אויף ייִדיש (זע גאַליה 1969). אַזוי למשל אין אַ תּנ״כישן ווערטערבוך־מאַנוסקריפּט אין לאָנדאָנער בריטישן מוזיי, וואָס מרגליות (1915-1909: נ׳ 981) איז משער אַז ס׳שטאַמט פֿון פֿופֿצנטן יאָרהונדערט, ווערן ניט זעלטן געבראַכט אויך ייִדישע טײַטש־ווערטער מיט אַ בל״א (= *בלשון אַשכּנז*), *אַשטייגער* רקיע — *שפּרייטונג*, דשא — *גראָז*. בײַ אליה בחורן (1541א) אין זײַן *מתורגמן*, אַ העברעאישער ווערטערבוך פֿון אַראַמיש, ווערן אַמאָל געבראַכט ייִדישע טײַטשן (למשל דיז — *טינטן*, ד׳ כו). אויפֿן שפּיץ פֿינגער אויך אינעם באַוואוסטן טאַנהויזנער *מחזור מכּל השנה* פֿון 1594-1593 (למשל *פּלח* — *גישפּאלטן*, דף צ ע״ב), אין מרדכי בן יחיאלס (1734) מירא דכּיא איבער פּירוש רש״י און אין אײַזיק אויערבאַכס (1730) באר רחובֿות.

מיט אַ סך אַ ברייטערע האַנט ברענגט נפֿתּלי־הירש אַלטשולער (1595) ייִדישע טײַטשן אין זײַן *אילה שלוחה*. אין דער הקדמה דערציילט ער אַז די אַלע פֿרעמדע און שווערע ווערטער וואָס רש״י האָט פֿאַרטײַטשט בלשון *לעז* גיט ער איבער בלשון *אשכנז* און אַז ער האָט זיך גרינטלעך־נאָכגעפֿרעגט בײַ איינעם אַ „צרפֿתּי״ און בײַ אַ „ספֿרדי״ ביז מ'האָט אים שורשדיק געגעבן צו פֿאַרשטיין דעם פּשט. אַלטשולערס טײַטשן אויף ייִדיש זײַנען כּולל איינציקע טײַטש־ווערטער, פֿראַזן און אַפֿילו גאַנצע זאַצן לויטן טראַדיציאָנעלן שטייגער בײַ די מלמדים אין די חדרים (זע אונטן 2.1.2§), למשל *חזון* — *וייז זאגונג*, *הסרי* — *טוא אפּ*, *מדברת על לבה* — *זיא רעט מיט איר זעלברט*. אינעם צווייטן חלק, איבער די נביאים אחרונים, ברענגט שוין אַלטשולער די ייִדישע טײַטשן ניט אַרײַנגעמישט מיטן העברעאישן פּירוש נאָר וואָדען אין אָפּגעטיילטע קעסטעלעך אויפֿן שטייגער ווי מען ברענגט באַזונדערע מפֿרשים. אַזוי אַרום באַקומט די ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿישע אַרבעט אַלטשולערס אַ באַזונדערס בכּבֿודיקע פּאָזיציע אין דער *אילה שלוחה*.

## 2.1.2 חומש־טײַטש.

די דורכפֿירונג פֿון דעם מין פֿאַרטײַטשונגס־אַרבעט אויף אַ קאָנסעקווענטן אופֿן אין אַ גאַנצן העברעאישן טעקסט (ס'רובֿ דער חומש) פֿירט אונדז צום חומש־טײַטש (זע נאָבל 1943), אַ נוסח וואָס איז אין משך פֿון דור דורות אויפֿגעהיט געוואָרן בעל־פּה אין די ייִדישע חדרים און וואָס זײַן ליטעראַרישע אָפּשפּיגלונג איז דער *טײַטש־חומש* (זע טורניאַנסקי 1988). אַ קלאַסישער מוסטער איז משה בן יששכר שערטלס (1605) *באר משה*, וואו יעדער לשון־קודשדיקער איינס ווערט באַלד אויף אַן אָרט פֿאַרטײַטשט אויף ייִדיש, למשל *ותשחת* — *אונ' די וארד זר דערבט*, *הארץ* — *דיא מאנין פֿוס לנד* (וועגן הויכן מעמד פֿונעם *באר משה*, זע שמערוק 1981: 26). עפּעס אינטערעסאַנט קען מען אָפּלערנען וועגן דעם סאָציאַלן מעמד פֿונעם טײַטש־חומש (לינגוויסטיש גערעדט פֿונעם חומש־טײַטש) פֿון דער הקדמה צו אליקים בן יעקבֿס (1710) *מלמד שיח*, וואו דער ספֿר ווערט רעקלאַמירט ווי אַ מין קאָנטראָל איבערן מלמד (וועגן דעם *מלמד שיח* זע שמערוק 1981: 171, הערה 18). דער *מלמד שיח* באַוואָרנט:

אלזו העט איר טאפלט שאדן. אייער רבי געלט גיט אוועק אין ליידן. אונ׳ אייערי קינדר גרייזר בלייבן. מן קאן עש אויש זיא ניט לייכֿט טרייבן. דארום האב איך איינש דער דאכֿט. אונ׳ האב אייך איין גוטי זאך גימאכֿט. אלי דיא גימייני אונ׳ הארבי ווערטר אויף טייטש. דש ווערט זיין אויף דיזי (מלמדים) איין בייטש. ער ווערט מוזן קנעלן רעכֿט. אודר עש ווערט אים ניך גאר שלעכֿט. דיא פֿרויא ווערט אויך זעהן קענן דז ער ניקש קאן. ווען זיא פֿר זיך דש קלייני ספר ווערט האן. אזו ווערט דער (מלמד) גצוואונגן זיין איינש צו קויפֿן. אנדרש מוז ער מיטן אין (זמן) אוועק לויפֿן.

ווי אַ לעבעדיקער ספֿר וואָס באַנײַט זיך כּסדר לויט די באַדערפֿענישן פֿון דער תּקופֿה איז דער טײַטש־חומש געבליבן לעבן ביזן הײַנטיקן טאָג. פֿון דער נײַער צײַט איז כּדאַי צו דערמאָנען מאַגילס (1899) פֿאַרדײַטשמערישטן *ליניען סקול־חומש* וואָס איז געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין די אַמעריקאַנער חדרים.

### 2.1.3 צווישנשורהדיקע איבערזעצונגען.

אין די צווישנשורהדיקע (אינטערלינעאַרע) איבערזעצונגען ווערט איטלעכֿע לשון־קודשדיקע שורה באַגלייט פֿון אַ יידישער שורה. לכּתחילה קען זיך דאַכֿטן אַז דאָס איז ניט מער ווי דער טײַטש־חומש מעטאָד מיט אַ נײַער גראַפֿישער טעכֿניק. די נפֿקא־מינה איז אָבער פֿאָרט אַ בולטע. די פֿאָרמען און דער אויסשטעל פֿון אותיות זײַנען עלול צו זײַן דער אויסדרוק פֿון טיפֿע און תּוכנפֿולע מענטשלעכֿע געפֿילן און גלייבונגען (זע אויבן §2.1.1 וועגן אַלטשולערן; צו די טעאָרעטישע יסודות מכּח דער ראָלע פֿון דער שריפֿט אין דער געשיכֿטע זע מידעס 1919). ווער ס'וויל קען אין די צווישנשורהדיקע איבערזעצונגען לייענען נאָר דעם לויפֿיקן יידישן טעקסט, להיפּוך צום טײַטש־חומש וואו יעדער איינס ווערט באַלד אויף אַן אָרט פֿאַרטײַטשט, און מ'וואָלט געדאַרפֿט מיטן אויג אַהין און צוריק לויפֿן בכֿדי אַדורכֿצוקריכֿן דעם טעקסט אָן דעם לשון־קודשדיקן מקור. אַנדערש גערעדט הייסט דאָס אַז די פּרינציפּיעלע אומפֿאַרבײַטלעכֿקײַט פֿונעם לשון־קודשדיקן מקור וואָס קומט צום אויסדרוק אינעם טײַטש־חומש איז אַ סך ווייניקער חל אין אַ צווישנשורהדיקער איבערזעצונג וואו די צונויפֿגעבונדנקײַט מיטן מקור איז בלויז אַ טעאָרעטיש־עסטעטישע אויב דער לייענער האַלט זיך נאָר בײַם יידישן טעקסט. זעט אויס אַז אַזאַ מין האַלבע אומאָפּהענגיקײַט האָט זיך אַנטוויקלט דער עיקר

בײַם ד אַ וו נ ע ן. דער וויזועלער קאָנטאַקט מיטן מקור ווערט ניט איבערגעריסן מחמת די יידישע אײנסן ווערן געזעצט בדרך כלל פּונקט איבער אָדער אונטער דעם שײַכותדיקן לשון־קודשדיקן אײנס. און דאָך קען דער מתּפּלל בלײַבן בײַם יידישן נוסח אויב אַזוי איז אים צום האַרצן און בשעת מעשה זיך פּילן נאָענט צום הײליקן מקור. אַזוי געפינט מען למשל אין מיכל בר אַבֿרהמס *סדר תּפילה מראשית השנה ועד אחרית השנה* (1718):

| | | | |
|---|---|---|---|
| הער | * פֿון דר וועלט | * דיז דא | * האט גקינגט |
| אדון | עולם | אשר | מלך |

נפֿתּלי הערץ בן אַבֿרהמס (1804) צווייִשפּראַכיקער נוסח פֿונעם יזלר רבֿ איז אויך אַן אינטערעסאַנטער מוסטער פֿון דער צווישנשורהדיקער שיטה.

### 2.1.4 גאַנצע איבערזעצונגען.

דער סוף־פּונקט פֿונעם מהלך איז די פֿולע איבערזעצונג וואו ס'זעט זיך ניט קײן שײַכות צווישן אײנסן נאָר צווישן גאַנצענע טעקסטן. און דאָ איז ניטאָ קײן לעקסיקאָגראַפֿיע אין ענגן זין פֿון וואָרט. די פֿולשטענדיקע איבערזעצונגען דאַרף מען אָבער פֿאָרט דערמאָנען, ניט נאָר דערפֿאַר וואָס זיי שטייען בײַם סוף פֿונעם קאָנטינואום נאָר אויך מחמת דער שפּאַנונג און די מחלוקתן צווישן וואָרט־איבערזעצונגען און טעקסט־איבערזעצונגען אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. אין משך פֿון הונדערטער יאָרן איז די יידישע איבערזעצונגס־שפּראַך, בפֿרט בײַם תנ"ך — סײַ לויטן חומש־טײַטש מעטאָד, סײַ אין לויפֿיקע טעקסטן — געווען אַן אײגנאַרטיקער נוסח יידיש וואָס האָט געשטרעבט צו אַ מין ראָמאַנטיש־אַרכאַיִזירנדיקער ווײַטקײַט פֿונעם טאָגטעגלעך גערעדטן לשון (זע לייבאָוויץ 1931). אַקעגן אָט דער טראַדיציאָנעלער שיטה האָבן זיך געשטעלט די צוויי קאָנקורירנדיקע אַמסטערדאַמער תנ"ך־איבערזעצער, יקותיאל בליץ (1678) און יוזלן וויצנהויזן (1679). צו וואָס זיי האָבן דערגרייכט איז אַ באַזונדערע פֿראַגע. קלאָר איז אָבער, אַז ביידע האָבן זיך געסטאַרעט אַוועקגיין פֿון טײַטש־נוסח, זיך

צו קאָנצענטרירן אויף דער שלימותדיקייט פֿונעם איבערגעזעצטן טעקסט. שרײַבט בליץ:

> אביר ניט גלייך אליש דאש טייטש חומש· װעלכֿש װאורט פֿער װאורט איז איביר גזעצט· אויש דעם (לשה״ק ללשון אשכנז)· אביר ער האט דער בייא פֿער געסן· זיך צו האלטן (לפֿי טבֿע לשון אשכנז)· דאש איז דיא אורזאך דאש מן קיין (הבֿנה) קאַן דרויש האבין [...]

וויצנהויזן גיט דאָס צו פֿאַרשטיין אין זײַן הקדמה אויף אַזאַ מין אופֿן:

> דיא װייל עש װישיגליך איז צו איינם איטליכֿן פֿאר שטענדיגן מענשן· דאש װען מאן עטװאש װיל מעתיק זיין אויש איינם לשון אין דש אנדר· דש מאן עש עבין גראד אזא פֿון װארט צו װארט ניט קאַן מעתיק זיין· עש איז איין דבֿר שאי אפֿשר בעולם· דען עש שיקט זיך אזא ניט· [...] דרום אויך װען איינר עטװאש װיל מעתיק זיין· מוז מאן װאול אכֿטונג געבן· דאש ער דען עסק װאיל פֿאר שטיט אונ׳ דא נאך איז מאן עש מעתיק אויף דאש לשון דא ער עש װיל אין מעתיק זיין· אין איינם לויטירן קלארן שינן לשון· דרך ספּיר דבֿרים אז װען מאן איינם איין שמועה דער צילט נאך אננדר· [...] דאש עש זיך אין דעם טייטשן לשון װאול שיקן זאל· אז װיא דער סדר פֿון אל דען מעתיקים איז· אונ׳ װאו עש גאר לצורך איז גיװעזן· האט מאן איין װארט אודר װאול אופֿט מער· מוזן מוסיף זיין [...]

אַט אָ די געוואַגטע ווערטער וואו דער יידישער סינטאַקס ווערט פֿאַררעכֿנט פֿאַר בילכֿער איידער דאָס שטרענגע האַלטן זיך בײַם מקור זײַנען אַ חלק פֿון אַ גאַר אינטערעסאַנטן קאַפּיטל פֿון דער עלטערער יידישער סטיליסטיק (זע שולמאַן 1913: 48-42; שטערק און לײַצמאַן 1923: 177-161; עריק 1928: 239-230; צינבערג 1935: 161-158; אַפּטראָד 1989 און אין איצטיקן באַנד).

### 2.1.5 תנ״ך־קאָנקאָרדאַנצן.

ענג פֿאַרבונדן מיט דער טײַטש־טראַדיציע איז דער תנ״ך־קאָנקאָרדאַנץ וואָס שיקט אָפּ צום פּסוק וואו דאָס וואָרט טרעפֿט זיך און זעצט אים דערווײַלע איבער אויף יידיש. דער באַקאַנטסטער קאָנקאָרדאַנץ אין דער געשיכֿטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור איז ר׳ אַנשילס (1534) *מרכּבֿת המשנה* (וועגן ר׳ אַנשילס שפּראַך זע וויינגער 1912, שלאָסבערג 1938, ספּיוואַק 1939: 191-189). צו דער

געשיכטע פֿון בוך זע שמערוק 1981: 25-26, 75-76 נ' 1, 85-86, נ' 17). מאַקס ווײַנרײַך (1923ב: 116) ווײַזט ריכטיק אָן אַז ר' אַנשילן איז „ניט געלעגן אין קאָפּ אונטערצוהערן, מיט וואָס זײַן שפּראַך שיידט זיך אונטער פֿון דער שפּראַך פֿון די דײַטשע יידן אָדער גאָר פֿון די דײַטשע דײַטשן. ער האָט געדאַגהט וועגן דעם, אַז מען זאָל פֿאַרשטיין דעם פּשט פֿון די ה ע ב ר ע א י ש ע ווערטער". און דאָך קען מען פֿאָסטולירן אַז ר' אַנשילס שפּראַך איז אַ מ ז ר ח ־יידישע לאָטש די איז שטאַרק באַפֿאַרבט דורך דער עלטערער געשריבענער שפּראַך. איטלעכע פֿון די פֿאָרמען ועטר 'פֿעטער', זאַך, טעג, *לעפֿצן*, *פֿרעגן*, וואָלט מען געקענט אפֿשר טרעפֿן אין פֿאַרשידענע וואַריאַנטן פֿונעם מערבֿדיקן יידיש. גענומען אָבער אין איינעם (אַפֿילו ווען זיי שטייען בשכנות מיט קאָנקורירנדיקע פֿאָרמען ניט־אויסגעהאַלט־ענערהייט) צייכענען זיי אָן אין דער ריכטונג פֿון מזרח יידיש.

## 2.2 דוגמאות אין דער עלטערער שפּראַך־פֿאָרשונג.

איינציקע ווערטער און קורצע רשימות ווערטער טרעפֿט מען אין דער עלטערער יידישער שפּראַך־פֿאָרשונג וואו די ווערן געבראַכט ווי דוגמאות אויף צו אילוסטרירן אָרטאָגראַפֿישע כללים צי מאָרפֿאָלאָגישע און עטימאָלאָגישע באַמער־קונגען. ס'ברענגען אַזעלכע דוגמא־ווערטער בעשענשטיין (1514: [6]), דער מחבר פֿון די אָרטאָגראַפֿישע כללים צום סוף פֿונעם אַנאָנימען *ספֿר מידות* (1542), העליץ (1543: [4]-[5], [9]-[11]), פֿאַגיוס (1543א: [34]-[36]; 1543ב [44]), שאַדע (1592: [135]-[141]), מיילפֿירער (1607: 264-265), בוקסטאָרף (1609: 656-659), אַמערסבאַך (1689: 31-40), שודט (1714-1718: II, 285; IV, 113), אָפּענהײַמער (1731: 8-9) און גאָטפֿריד (1753: 7-14). בײַ סעבאַסטיאַן מינסטערן (1524: [250]) ווערט געבראַכט אַ רשימה מיט צוואַנציק יידישע ווערטער, די עלטסטע הײַנט־באַקאַנטע געדרוקטע רשימה ווערטער אויף יידיש, צווישן זיי *זרברנט* 'פֿאַרברענט', *זינגן*, *קאמר* 'קאַמער', *שפּרינגן*.

## 2.3 העברעאיש־יידישע ווערטערביכער.

די עלטערע העברעאיש־יידישע ווערטערביכער וואָס זײַנען בדרך כלל גע־

צילט אויפֿן לימוד פֿון לשון קודש, בעמען אַן דרײַ עיקרדיקע פֿנימער: לויטן שורש, לויטן אַלף־בית און לויט סעמאַנטישע קאַטעגאָריעס.

### 2.3.1 ווערטערבי͏̄כער לויטן שורש.

דאָס צונויפֿשטעלן אַ ווערטערבוך לויטן העברעאישן שורש איז אַן איבערנעם פֿון דער קלאַסישער סעמיטישער פֿילאָלאָגיע וואָס איז אויסן צונויפֿצופֿירן אַלע עטימאָלאָגיש־קרובֿישע ווערטער לויטן דרײַ־קאָנסאָנאַנטאַלן שורש. אַ וואָגיק ווערק לויט אָט דעם מוסטער איז מרדכי בן מנחמס (1522) יידישער נוסח פֿונעם *מקרי דרדקי*, אַ כּתבֿ־יד אין דער באָדלעיאַנער ביבליאָטעק אין אָקספֿאָרד (זע פערלעס 1884: 126; נײַבויער 1886: נ' 1507). בײַם העברעאישן שורש ברך ווערן למשל געבראַכט תנ"כישע ציטאַטן וואָס אילוסטרירן די יידישע טײַטש־ווערטער בענשן, *ברזימן* 'באַרימען זיך', *גרזישט* 'גריסט', *ווייאר* 'טײַך', 'אָזערע', *מיינשטר או הער* 'מײַסטער אָדער הער', *פריזנט* 'מתנה', *קניאן* 'קניען זיך', *שטרופֿן* 'שטראָפֿן', שפּייז (וועגן דעם *מקרי דרדקי* און אַנדערע חינוך־בי͏̄כער זע רפֿל 1988).

פֿון די שפּעטערדיקע צווייספּראַכיקע ווערטערבי͏̄כער לויטן שורש איז כדאַי צו דערמאָנען דעם *מליץ יושר* וואָס ס'האָבן זאַלבעצווייט צונויפֿגעשטעלט אבֿרהם בן מנחם־מנדלי שוואַב און מאיר בן יעקבֿ (1773). בײַם שורש דבק פֿאַרטײַטשן *זיי בהעפֿטן*, *גרייכן* און *נאך יאגן* ('נאָכיאָגן') לויט פֿאַרשידענע העברעאישע פֿאָרמען.

### 2.3.2 ווערטערבי͏̄כער לויטן אלף־בית.

יהודה־אריה בן צבֿי־הירשעס (1721) *יסוד לשון הקודש* איז אַ מין צווישן־שטאַפּל צווישן דעם שורש־מוסטער און דעם אַלפֿאַבעטישן פֿאָרמאַט. מיט גרעסערער שריפֿט ווערן געבראַכט די מער „שורשדיקע" ווערטער און באַלד אונטער זיי מיט קלענערע אותיות די דעריוואַטן, למשל ים — *מעהר* און באַלד אונטער דעם *ימה* — *וועשטן* 'צו מערבֿ צו'; רכב — *רייטן* און דערנאָך *מרכבה* — *רייט וואגן* 'רײַט־וואָגן', רכב — *מיל שטיין*.



דער סוף פֿון מרדכי בן מנחם מקרי דרדקי, 1522 (זע ‎§2.3.1)

### 2.3.3 ווערטערביכער לויט סעמאַנטישע קאַטעגאָריעס.

פֿון די באַליבסטע יידישע ווערטערביכער אין משך פֿון דורות איז דער *חינוך קטן* (1640 און פֿאַרשידענע שפּעטערדיקע דרוקן) וואָס באַזונדערע אָפּטיילונגען ווערן אָפּגעגעבן ספּעציעלע תחומען פֿון לעבן, צווישן זיי: געטלעכקייט, מענטש, וועלט (זע אונטן §5.1, שמערוק 1981: 89-90, נ׳ 25). שלמה־זלמן לאַנדאַנס *קהלת שלמה* (1722) איז כולל אַ העברעאיש־יידיש ווערטערביכל לויט סעמאַנטישע קאַטעגאָריעס מיטן נאָמען „הלכות גידול בנים". שטיינשניידער (1852-1860): נ׳ 3301, 3544; 1859: 7), בן יעקבֿ (1880: 195) און קאָולי (1929: 702) האַלטן אַז דאָס ווערטערביכל ביי שלמה־זלמן לאַנדאַן איז געבויט אויפֿן *חינוך קטן*. מאַקס ווײַנרײַך (1928: 706) ווײַזט אָבער ריכטיק אָן אַז ס׳וואַקסט פֿון נתן־נטע האַנאָווערס *שׂפֿה ברורה* (זע אונטן §2.4, §3.4.1).

### 2.4 ווערטערביכער מיט מער ווי צוויי שפּראַכן.

דער ערשטער באַקאַנטער געדרוקטער מערשפּראַכיקער ווערטערבוך וואָס איז כולל יידיש איז אליה בחורס (1542) *שמות דבֿרים* „בלשון עברי ובלשון רומיי גם אשכנזי כנגדו מסודרים כסדר אלפא ביתא על ידי המחבר אליה לוי אשכנזי המדקדק לחן ולרצון לכל תלמידי לשון הקדש". דאָס איז אַ פֿירשפּראַכיקער ווערטערבוך (יידיש — לשון קודש — לאַטיין — דייטש), וואָס גיט אָפּ יידיש דעם אַלפֿאַבעטישן אויבנאָן. ניט געקוקט אויף ר׳ אליהס נטיה צו כלל־שפּראַכיקייט אין אָט דעם ווערק דײַנעם האָט ער אונדז פֿאָרט איבערגעלאָזט אַ שלל מיט מאַטעריאַל. דאָס איז איינער פֿון יענע גאָר זעלטענע ווערטערביכער וואָס בעמען אַרײַן באַזונדערע קאָלאָנעס פֿון יידיש און דײַטש און גיט דערבײַ די מעגלעכקייט עפּעס וואָס אָפּצולערנען איבער דעם מחברס יידיש כנגד זײַן דײַטש. אַשטייגער אין די פּאָרלער הזינגר (= [hüngər]) — *Hunger* אויף 'הונגער', זוין (= [zün]) — *Son* אויף 'זון' (= 'בן') און היילונג (= [hejlüng]) — *Arczney* אויף 'רפֿואה'.

מרדכי שמואל יעקבֿ בן יקותיאלס *דיבר טובֿ* (1590) איז אַ דרײַשפּראַכיקער ווערטערבוך: העברעאיש — יידיש — איטאַליעניש (זע שמערוק 1981: 89-90, נ׳ 25). פּונקט ווי ביי ר׳ אַבֿישלן קען מען אַדורכלעזן דורכן כלל־יידישן שלייער אַ מזרח־יידישן יסוד, למשל אין דער קאָנפֿיגוראַציע פֿון אַזעלכע איינסן ווי הינקדגר

'הינקעדיקער', *לעפּצן*, *פּפֿערדיך* 'פֿערשקע', *קייליכטיג* 'קײַלעכדיק', *קנאבליך* כאָטש אײנציקװײַז װאָלט איטלעך װאָרט אפֿשר קיין ראיה ניט געװען. דער סאַמע באַװאוסטסטער מערשפּראַכיקער װערטערבוך איז נתן־נטע האַנאָװערס *שפֿה ברורה* (1660), װאו איטלעך לשון־קודשדיק װאָרט װערט איבערגעזעצט אויף ייִדיש, איטאַליעניש און לאַטײַן. אינעם דרוק פֿון 1701, שוין נאָכן מחברס טויט איז צוגעגעבן געװאָרן אַ פֿראַנצײזישע קאָלאָנע. װעגן נתן־נטעס שפּראַך װעט קומען צו רייד אונטן, §3.4.1.

## 2.5 דיקדוק־ספֿרימלעך.

ייִדישע לערנביכלעך געװידמעט דעם לימוד פֿון לשון קודש זײַנען אָפּטמאָל כולל אַ מין לעקסיקאָגראַפֿיע דערמיט װאָס די רשימות העברעאישע פֿאָרמען, בפֿרט בײַ די בנינים, װערן אײנציקװײַז פֿאַרטײַטשט אויף ייִדיש. פֿאַרשטייט זיך אַז אָט די ספֿרימלעך, װאָס זײַנען באַאַרבעט געװאָרן דורך חוה טורניאַנסקי (1984), זײַנען אויך אַ גאָר װיכטיקער מקור צו דער עלטערער ייִדישער קאָניוגאַציע און צו ברייטערע פּראָבלעמען פֿון מאָרפֿאָלאָגיע און זאַץ־בוי. אָט למשל אין יוסף בר אלחנן הײלפּרונס (1597) *אם הילד* װערט פֿאַרטײַטשט *פעלנו — מיר האבן גװערקט, פעלה — זיא האט גיװערקט, פעלת — דו האשט גװערקט, פעלתן — איר האָט גיװערקט*. פֿון די שפּעטערדיקע ייִדישע דיקדוק־ספֿרימלעך איז כדאַי צו דערמאָנען דעם *מפתח לשון הקדש* פֿון ישראל בן אבֿרהם אבֿינו (ד"ה דער מחבר איז אַ גר צדק), אַרויס אין 1713. צו דער דעקלינאַציע פֿונעם העברעאישן שם געפֿינט מען בײַ אים למשל *דברי — מײַן ריד* ('רייד'), *דבריך — דײַן ריד, דבריו — זײַן ריד* או"װ. צום סוף פֿון יהודה־אריה בן צבֿי־הירשעס *יסוד לשון הקודש*, אַרויס אין 1721 (זע אויבן §2.3.2) װערט צוגעגעבן אַ „הקדמה של לוח המלמד" װאו מען טרעפֿט די קאָניוגאַציע *למדתיו — איך (מענש) האב גלערנט אים (מנש פרשון), למדתיה — איך האָב גלערנט זיא (װייבש פרשון)* או"װ.

## 2.6 קרימינאָלאָגישע מקורות.

אָן אַ שיעור ייִדישע װערטער (אויך העברעאישע גענומען דירעקט פֿון אַשכּנזישן לשון קודש) זײַנען אַרײַנגענומען געװאָרן אין ראָטװעלש און אַנדערע

סודותדיקע שפּראַכן (זע באָראָכאָוו 1913: נג' 56-67, 103, 404-412a, 464, 490-499; קאַץ 1981). די ריידיקע לעקסיקאָגראַפֿישע ליטעראַטור איבער ראָטוועלש איז בדיעבד אַן אוצר פֿון לעקסישן מאַטעריאַל און פֿון דיאַלעקטישע פֿאָרמען וואָס זײַנען איבער פֿאַרשידענע טעמים ניט אויפֿגעהיט געוואָרן אין די ייִדישע מקורות. אין דער באַוואוסטער אויפֿלאַגע פֿונעם *Liber vagatorum* (1528) וואָס איז כולל מאַרטין לוטערס הקדמה, וואו ער באַשולדיקט ייִדן אין אויספֿורעמען ראָטוועלש, געפֿינט מען למשל אינעם גלאָסאַר צום סוף פֿון בוך אַזעלכע אײנסן ווי Acheln (*אַכלען*), Alchen (*הלכען* 'גיין'), Gfar (*כּפֿר* 'דאָרף'), Lehem (*לחם*), Mess (*מעות*), Schöchern (*שכּרן* 'טרינקען'), Sonebeth (*זונה־בית* 'באָרדעל').

III

# דיאַלעקטישע לעקסיקאָגראַפֿיע

## 3.1 קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די ייִדישע דיאַלעקטן.

די היסטאָרישע שפּראַך־טעריטאָריע פֿון ייִדיש צעטיילט זיך אין צווייען: *מזרח ייִדיש* און *מערבֿ ייִדיש*. מזרח ייִדיש גופֿא צעטיילט זיך אויף דרײַ דיאַלעקטן: צפֿון־*מזרח ייִדיש* („ליטוויש"), דרום־*מזרח ייִדיש* („אוקרײַניש") און צענטראַל־*מזרח ייִדיש* („פּויליש"). די לעצטע צוויי זײַנען געגליכן איינער מיטן אַנדערן כּנגד צפֿון־מזרח ייִדיש און גענומען אין איינעם פֿורעמען זיי אויס דעם דרומדיקן *מזרח ייִדיש*. אַנאַלאָגיש־סימעטריש איז די אײַנטיילונג פֿונעם מערבֿדיקן ייִדיש: צפֿון־*מערבֿ* ייִדיש (האָלאַנד, צפֿון דײַטשלאַנד און שכנותדיקע שטחים), דרום־*מערבֿ* ייִדיש (עלזאַס, שווייץ, דרום דײַטשלאַנד) און צענטראַל־*מערבֿ* ייִדיש (צענטראַל־דײַטשלאַנד און די שכנותדיקע געביטן). אין מערבֿ זײַנען דרום־מערבֿ ייִדיש און צענטראַל־מערבֿ ייִדיש באַזונדערס געגליכן כּנגד צפֿון־מערבֿ ייִדיש און גענומען אין איינעם שטעלן זיי מיט זיך פֿאָר דעם דרומדיקן *מערבֿ* ייִדיש. די צוויי איבערגאַנגס־שטחים צווישן די מעטיקע בלאָקן מזרח און מערבֿ זײַנען דרום איבערגאַנגס־ייִדיש (ביימען, מערן, אויבערלאַנד און די שכנותדיקע מקומות) און

צפֿון איבערגאַנגס־ייִדיש (מזרח פּרײַסן, פּויזן און די אַרומיקע געגנטן). די קלאַסיפֿיקאַציע ווערט מאָטיווירט אין קאַץ (1979ב; 1982: §4.2; 1983).

## 3.2 דרום־מערבֿ ייִדיש.

דרום־מערבֿ ייִדיש איז ערטערווײַז לעבן געבליבן ווי אַ טאָג־טעגלעכע שפּראַך בײַ אַ ציבור לענגער איידער אַנדערע וואַריאַנטן פֿונעם מערבֿדיקן ייִדיש, אין דער עלטערער לעקסיקאָגראַפֿישער ליטעראַטור ווערט עס אָבער קוים אָפּגעשפּיגלט (מען רעכנט זיך ניט דאָ מיט יענע שטריכן פֿונעם דרומדיקן מערבֿ ייִדיש וואָס זײַנען במילא אַרײַן אין דער עלטערער ייִדישער שרײַב־שפּראַך). אַ יוצא מן הכּלל שטעלט מיט זיך פֿאָר פֿילאָגלאָטוסעס (1733) ווערטערבוך; אמתֿ, די ווידמונג אין בוך ווײַזט אָן אויף פֿרײַבורג אין זאַקסן. מאַקס ווײַנרײַך (1957: 48) האָט שוין אָבער אָנגעוויזן אַז דאָס איז היסטאָריש געגרעדט קשה. דערצו ווײַזן אָן די פֿאָנאָלאָגישע אײגנשאַפֿטן פֿון בוך אויף אַ דרום־מערבֿ־ייִדישן יסוד. די ראיותֿ וועלן מוזן וואַרטן אויף אַ צווייטער געלעגנהײט.

## 3.3 צענטראַל־מערבֿ ייִדיש.

להיפּוך צו דרום־מערבֿ ייִדיש, איז פֿונעם צענטראַל־מערבֿדיקן ייִדיש כּמעט ווי קיין סימן ניט פֿאַרבליבן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די לעקסיקאָגראַפֿישע עשירותֿ פֿון פֿריערדיקע יאָרהונדערטער וואַרפֿט זיך אָבער אין די אויגן. ספּעציעל רײַך איז די לינגוויסטישע ליטעראַטור אויף דײַטש וואָס שטאַמט אין אַ קענטיקער מאָס פֿון משומדים און אַנטיסעמיטן און וואָס שפּיגלט אָפּ אין דער לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע די לאָקאַלע צענטראַל־מערבֿ־ייִדישע רעאַליזירונגען אינעם אַכצנטן יאָרהונדערט (למשל קריסטיאַן 1727 וואָס איז אַ סך מאָל איבערגעדרוקט און פּלאַגיאירט געוואָרן; ביבליאָפֿילוס 1742; רײַצענשטיין 1764). יענע ווערטער־ביכער (למשל קאַלענבערג 1736) וואָס ברענגען דעם מאַטעריאַל מיטן ייִדישן אַלף־ביתֿ ווײַזן בדרך כּלל אַ סך ווייניקער אָן אויפֿן דיאַלעקט צוליבן באַנוץ פֿונעם טראַדיציאָנעלן אויסלייג.

צווישן די אָנזעעוודיקסטע פֿאָנאָלאָגישע שטריכן פֿון צענטראַל־מערבֿ ייִדיש איז די מאָנאָפֿטאָנגירונג פֿונעם דיפֿטאָנג 22 (די טיפּן בהמה, שריפֿה), פֿון ɛj* אויף

ē (אַזוי אַרום: bəhḗmə, srḗfə) און פֿונעם דיפֿטאָנג 42 (די טיפּן *חושך*, *שוטה*), פֿון *ɔu אויף ō (אַזוי אַרום xṓšəx, šṓtə). אין שײַכות דערמיט זײַנען דורך אַ פֿאָנאָלאָגישער שטופּ־קייט (push chain) געהויבן געוואָרן די מיטלדיק־לאַנגע מערבֿ־יידישע מאָנאָפֿטאָנגען 12 (די טיפּן *אסור*, *כשר*), פֿון *o אויף ū (אַזוי אַרום ū́sər, kū́šər) און 25 (די טיפּן *בגד*, *כנגד*), פֿון *ē אויף ī (אַזוי אַרום bī́gət, kənī́gət). קאָפּלאַנד און זיסקינד (1976: 114) טענהן, אַז אָט די לעצטע רעאַליזירונג ($ī_{25}$) אין יוסף הערצעס אסתר (פֿירט 1828) איז אַ צעקאַליעטשונג פֿון מערבֿ יידיש בכוונה, פֿון הומאָר וועגן. אמת, די „אַלטפֿרענקישע" אַמטיפּסטן דיאַלעקטאַלע רעאַליזירונגען האָבן אַרויסגערופֿן הומאָר בײַם מערבֿ־יידישן עולם אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, ס'האָט אָבער ניט קיין האַפּט זיי צו האַלטן פֿאַר הוילע אויסטראַכטענישן. עווידענץ פֿאַר $ī_{25}$ אין מערבֿ יידיש איז פֿאַראַן אין דער לעקסיקאָגראַפֿישער ליטעראַטור, אַפֿילו דאָ בפֿירושדיקע באַמערקונגען וועגן דעם בײַ קריזאַנדערן (1750: 4) און בײַ רײַצענשטיינען (1764: [218]). קריזאַנדער פֿאַרצייכנט די וואַריאַנטן Mihnz — Maynz און Mihl — Mehl (זע קאַץ 1986: 22).

דער ווײַטיקסטער ווערטערבוך פֿאַרן פֿאָרשער פֿון צענטראַל־מערבֿ יידיש איז איטציג פֿייטעל שטערנס *Lexicon* (1833). שטערנס אַנטיסעמיטישע „דראַמען" זײַנען אויך אַ ווײַטיקער מקור כאָטש דער טאָן מיטן תּוכן זײַנען מיאוס. צו זיי ווערן אָפּט צוגעטשעפּעט רשימות ווערטער צום סוף. אַזוי למשל ווערט צוגעגעבן צום סוף פֿון שטערנס *Louberhüttenkränz* — *לויבערהיטטענקרענץ*, אַ רשימה מיטן קעפּל *אווערטערבוך איבער דיע איעהודישען אווערטער* (שטערן 1834: 171-176). די טיטלען פֿון בוך און פֿון דער רשימה ווערן געגעבן סײַ מיט העברעאישער סײַ מיט לאַטיינישער שריפֿט, דאָס בוך גופֿא איז דורכויס מיט לאַטיינישער שריפֿט. סײַ אַוועַ־לאַלעמאַן (1862: 239) סײַ פּרילוצקי (1917: 108) לויבן די לעקסישע עשירות אין שטערנס ווערק. שוין אַ לענגערע צײַט וואָס היסטאָריקער זײַנען זיך משער אַז „איטציג פֿייטעל שטערן" איז דער פּסעוודאָנים פֿון אַ געוויסן יידן־פֿײַנד האָלצשוער. דער טאַלאַנטירטער ביבליאָגראַף פֿון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור הערמאַן דיס (1983) האָט אָבער ראיות אַז דאָס איז אַ טעות.

אין יענעם נוסח פֿון צענטראַל־מערבֿ יידיש וואָס איז שטערנען געווען

Buhnem oder Bunem, Gesicht.
Chachonim, Gelehrte.
Chamoschin, Talmudsbücher.
Chasan, der Vorsänger, Priester.
Chasser, e Sau, e Schweihn.
Chasserbusser, Schweihneflahsch.
Chitisch, eppes Neues.
Chitischfleppen, e Zeiting. Vun unnere Leute losst Saphir ahne drucken.
Chof, Schuld.
Cholef, Schwert.
Chulem, Troum.
Chumesch, e Talmudsbuch hahst so.
Desvuv, is 15.
Diber, das Wort
Dibbern, reden, sprechen.
Douches, das hinter Gsicht, wu kah Nas drah is.
Düttlich, fenn das mütterliche Voraus vun die Weibsbilder mit en Zäpfle drahn, wu die klahne Kinder schnullen unn wu mer eneihn greift, wenn mer se gern hot.
Egelsrösch, is e Kalbskopf.
Ene mefin, e schlechter Woorenkenner.
Ette, — jedes klahnes Kind wahs, was Ette hahst, worum, weil er sie selber macht.
Fingerlich, bedeut so viel wie Ringlich.
Gallach, ahner der geschoren is, dorum e Geistlicher bey die Gojim.
Gan Eden, is das Peredis. Do kumme die Jüden hihn, die Gojim kumme in Gehinem.
Gehinem, is der Himmel, wu die Engele Hörnlich haben unn enander ouf die Schwänz trieten.
Gemora, der Talmud.
Gemuhlt, beschnitten.
Gescheck, Vergnügen.
Gesimfen Flahsch, geraachert Flahsch.
Geuzt, schah unter guzt.
Ghinem, schah unter Gehinem.
Goj, e Christ, pfuy!
Gojim, Christen. — Verderben süllen se alle!
Gugesle, is das Schnerpfele bey die Bucherle, wu gemuhlt werd.
Guttel Srore, grouße Beamte.



Guzt, vern Narren gehalten.
Hakodesch, heilig.
Hallel, der 112te bis 119te Psalm.
Hoschanna Rabba, is der siebete Tag in Louberhüttefest, ze deutsch großer Hülfstag, aach Palmefest.
Jajen oder Jajim, — Weihn.
Jajim Soref, Brannteweihn.
Jeikoff, sagen mir statt Jakob.
Jeruschuloym, sagen mir statt Jerusalem.
Jom Din, der jüngste Tag.
Jom Kipper, das Versöhningsfest.
Jontoff, Feyertag.
Jouker, theuer
Jsche, Frah.
Kajef, schuldig.
Kapore, toudt, hihn, eweck.
Kasche, e Frag.
Killa, die Stadt.
Kipper, Gmahnschaft in Handel.
Kosrim, Bauern.
Koll Jschroel, das ganze Volk Jschroel.
Kosche, schah bei Kasche.
Koscher, rein, gut.
Kyjum, der Jüden Schutz.
Lefuna, der Mond.
Lufen, sagen mir statt Laban.
Lulaf, e Palmezweig. Mer braacht ihn an Louherhüttefest.
Makle, Sünden.
Massel, Glück, süll vun die Gojim weichen unn uns zufallen.
Masselbruche, Massel e Pruche, Glück unn Siegen.
Massematten, Gschäften.
Matter seyhn, entbinden, ouflösen.
Mayser, de Zeheten.
Mehr, Bewandtniss.
Melach, König.
Melechte, dien König seihn Frah.
Meloch, Engel.
Melochim, viel Engel.
Memme, Memich, Mutter.
Menuche, Ruh.
Meperes, wenn e Frah tragt.
Meramme seyhn, betrügen, is e verdienstlich Wark vor Gott.

צוויי זײַטלעך פֿונעם ווערטערביכל צום סוף פֿון איטציג פֿײַטעל שטערנס *ליבערהיטעטנקרענץ*, 1834 (זע §3.3)

באַקאַנט זײַנען די כֿאַראַקטעריסטישע וואָקאַלישע אַנטוויקלונגען דערפֿירט געוואָרן נאָך וו ײַ ט ע ר ווי ē ← ī (וואָקאַל 25) און ō ← ū (וואָקאַל 12). אין שטערנס וואַריאַנט פֿירט די שטופֿ־קייט צו דער הייבונג ניט נאָר פֿון די מיטלדיק־לאַנגע מערבֿ־יידישע מאָנאָפֿטאָנגען 25 און 12 נאָר אויך פֿון די (מאָנאָפֿטאָנגירטע) דיפֿטאָנגען 22 און 42 וועלכֿע פֿאַלן מיט זיי אַפּנים צונויף (אין געוויסע שכֿנותן?): 22 מיט 25 אין $\bar{i}_{22/25}$ און 42 מיט 12 אין $\bar{u}_{12/42}$, אַזוי אַרום: Megifa ('מגיפֿה', 1833: 37) און Ulem Habbo ('עולם הבא', ז' 57). שטערן האָט דעם מערבֿ־יידישן $\bar{a}_{24/44}$, אַזוי אַרום: hahm ('היים', ז' 18) און aach ('אויך', ז' 9). וואָקאַלן ווערן פֿאַרנידעריקט אין דער שכֿנות פֿאַר r, למשל larne ('לערנען', ז' 19). צום קאָנסאָנאַנטיזם איז טאַקע כֿאַראַקטעריסטיש דאָס פֿאַרלוירן גיין פֿון n וואָרט־אויס, למשל Chassmene ('חתמענען', ז' 12). דער איבערגאַנג x ← k פֿירט למשל צו Kaje ('חיה', ז' 144), Kemime ('חמימה', ז' 28). די שרײַבונגען abchasfene ('אָפּ־כתּבֿענען', ז' 64) און Chuzen ('קצין', ז' 15) שטעלן מיט זיך אַפּנים פֿאָר היפּערקאָרעקטע פֿאָרמען (סײַדן מ'האָט דאָ צו טאָן פּשוט מיט אַ צוזאַמענפֿאַל פֿון דעם אומשטימיקן וועלאַרן עקספּלאָסיוו מיטן ספּיראַנט). שטימיקע און אומשטימיקע קאָנסאָנאַנטן פֿאַלן צונויף, אַשטייגער Bschitte ('פּשיטא', ז' 11), guttel ('גדול', ז' 55). ביידע פֿאָנאָלאָגישע פּראָצעסן — וועלאַרער איבערגאַנג (אָדער צוזאַמענפֿאַל) און דאָס אָנווערן שטימיקײַט ווי אַ מבֿחינדיקן סימן — זײַנען חל אין אַזאַ אײנס ווי Schgenim ('שכֿנים', ז' 50).

צו שטערנס וואָרט־אוצר איז כדאַי אויפֿצוצייכֿענען Bafmume ('באַף־ממון' ='טרינק־געלט', ז' 6), efodes soreg ('עבֿודה־זרהיק' = 'אָבערגלויבעריש', ז' 63), Lide jom ('לידה־יום' = 'געבוירן־טאָג', ז' 32), Melechte ('מלכֿטע' = 'מלכה', ז' 38) און Kairosche ('חיי ראשי' = 'בײַ מײַן לעבן', ז' 26). אַלפֿרעד רובינס און פּראָפֿ' רפֿאל הלוי (ביידע אין לאָנדאָן) האָבן מיר פֿרײַנדלעך באַוויזן צוויי גראַווירונגען פֿון דער צווייטער העלפֿט אַכֿצנטן יאָרהונדערט. די מערבֿ־יידישע קעפּלעך צו ביידע בילדער זײַנען כולל דאָס וואָרט חיי ראשי, איין מאָל Kayerosche, איין מאָל chairosche.

צו דער סעמאַנטיק איז טשיקאַווע דער חילוק אין באַדײַט וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין שטערנס דיאַלעקט צווישן Asso (< *אסא*), 'געזונט' (סובסטאַנטיוו)

און Assusse ('אסותֿא!'='צו געזונט!', ביידע ז' 90). בדרך כּלל באַטראַכֿט מען די ביידע פֿאָרמען ווי שטחדיקע וואַריאַנטן פֿונעם צו=וואונטש (זע אוריאל ווײַנרײַך 1965: 18-19). בײַ אליה בחורן (1542) אין זײַן *שמותֿ דבֿרים* (זע אויבן §2.4) ווערן געבראַכֿט דרײַ אַלטערנאַטן: „ווען איינר ניזט זו שפּריך *רפֿואה* אודר *אסא* אודר *אסותֿא*...". זעט אויס, אַז די סעמאַנטישע אָפּאָזיציע איז אַ צענטראַל=מערבֿ=יידישע אַנטוויקלונג. נאָך אַן אינטערעסאַנטע סעמאַנטישע אָפּאָזיציע איז אויפֿגעקומען אין שטערנס דיאַלעקט צווישן *Lef* (< לבֿ) 'האַרץ' (מיט א קורצן ε לויט דער פֿאָנאָלאָגיע פֿון יידיש, זז' 31, 95) און *Lehf* 'מוט, באַהאַרצטקײַט' (מיט א לאנגן ē לויט דער פֿאָנאָלאָגיע פֿון צענטראַל=מערבֿדיקן אַשכּנזישן לשון קודש און אַראַמיש, זז' 31, 108). בכּלל גענומען איז דער סעמיטישער חלק פֿונעם מערבֿדיקן יידיש אַ היפּש ביסל רײַכֿער איידער אין אונדזער הײַנטיקן מזרחדיקן יידיש (זע קאַץ 1979א: §5).

## 3.4 דרום איבערגאַנגס=יידיש.

די ביידע ווערטערביכֿער וואָס שפּיגלען אָפּ דרום איבערגאַנגס=יידיש שטאַמען פֿון פּראָג, אַ שטאָט וואָס איז הונדערטער יאָרן געשטאַנען ווי אַ מין טרעף=פּונקט צווישן מערבֿדיקן און מזרחדיקן אַשכּנז. קיין חידוש ניט וואָס מען געפֿינט אין פּראָגער יידיש אי מערבֿדיקע אי מזרחדיקע עלעמענטן. דעם אַלגעמיינעם לינגוויסט איז אויך קיין חידוש ניט וואָס די פֿאַרשידענע שפּראַכֿיקע יסודותֿ קאָמבינירן זיך אויף אַן אייגנאַרטיקן, זעלבשטענדיקן אופֿן. דער איבערגאַנגס=דיאַלעקט ווערט כֿאַראַקטערייזירט דורך אַ לינגוויסטישער סיסטעם וואָס איז גאַנצערהייט באַנומען אַנדערש איידער די מקורותֿ פֿון וואַנעט ער האָט זיך גענומען אויספֿורעמען. די צוויי ווערטערביכֿער זײַנען נתֿן=נטע האַנאָווערס (1660) *שפֿה ברורה* (זע אויבן §2.4) און דער פּראָגער *Handlexicon*.

### 3.4.1 נתֿן=נטע האַנאָווערס *שפֿה ברורה*.

נתֿן=נטע האַנאָווער, דער באַקאַנטער מקובל וועלכֿער האָט אין זײַן *יון מצולה* באַשריבן די גזירותֿ ת"ח ות"ט (זע שמערוק אין איצטיקן באַנד), האָט אין

דער *שׂפֿה ברורה* זײַנען איבערגעלאָזט דעם היסטאָריקער פֿון דער ייִדישער שפּראַך אַ פֿענצטערל דורך וועלכן מ'קען כאַפּן אַ בליק אינעם ייִדיש פֿון זיבעצנטן יאָרהונדערט (זע מאַקס ווײַנרײַך 1928: 706-716, אויך ספּיוואַק 1939: 192-195). להיפּוך צו אַנדערע ייִדישע ווערטערביכער וואָס זײַנען אַרויס מיטן ייִדישן אַלף־בית האָט נתן־נטע צוגעגעבן אַ פֿולן נ י ק ו ד צו יעדן וואָרט. ער האָט זיך אויך ווייניקער גערעכנט מיט דער אָנגענומענער געשריבענער שפּראַך מיט איר שאַבלאָניזירטן נוסח וואָס איז דאָך דעמאָלט געווען אָנגעפּיקעוועט סײַ מיט הילצערנע אַרכעאיזמען סײַ מיט פֿאַרדײַטשטע פֿאָרמען. אַ פּאָר ווערטער אויפֿן שפּיץ פֿינגער פֿון דוגמא־וועגן (דאָ ווערט געבראַכט בלויז די נקודה פֿון באַטאָנטן טראַף): *בלאָב* ('בלוי'); *גוט נאָבינט* ('גוטן אָוונט' — וועגן מעטאַנאַליז פֿונעם ן זע קינג אין איצטיקן באַנד); *גמישכטס* ('געמישעכץ'); *הײליר* ('היילער', 'דאָקטער'); *פֿיר עֶקדיג* ('פֿירעקעדיק'); *צו קווֶעטשט* ('צעקוועטשט'); *קאָרץ* ('קורץ'); *קיגלכטיק* ('קײַלעכדיק'); *שפּֿענדליך* ('שפּענדלעך'). מן הסתם צוליב דער אָנדעוועדיקער דיאַלעקטישער געמישטקײַט האָט ווײַנרײַך (1928: 707) געהאַלטן אַז „וועגן דער דיאַלעקטאָלאָגישער גלידערונג פֿון ייִדיש אין יענער תּקופֿה ווערן מיר נישט געוואויר גאָרניט". די ספֿקות אין דעם צי מ'קען לאָקאַליזירן נתן־נטעס ייִדיש ווערן פֿאַרשטאַרקט דורך זײַן ביאָגראַפֿיע: פֿאַרוואָגלט געוואָרן אין מרחקים, האָט ער דורכגעוואַנדערט אַ היפּשן חלק אייראָפּע נאָכדעם ווי ער איז אַנטלאָפֿן געוואָרן פֿון וואָלין בעת די גזירות ת"ח ות"ט. געשטאָרבן איז ער אין 1683.

און דאָך ווײַזט זיך מיר אַרויס אַז אין דער *שׂפֿה ברורה* שפּיגלט זיך אָפּ דער ייִדיש פֿון פּראָג וואו דאָס בוך איז אָפּגעדרוקט געוואָרן און וואו דער מחבר האָט אַ צײַט געוווינט. די יסודותדיקע שטריכן פֿון דער *שׂפֿה ברורה* זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן פּראָגער ייִדיש וואָס איז אונדז דער עיקר באַקאַנט פֿון די פּראָגער בריוו פֿון 1619, וואָס לאַנדוי און וואַכשטײַן (1911) האָבן באַאַרבעט (זע אויך נאָבל 1964), ווי אויך די רעשטלעך וואָס מ'האָט בעל־פּה אויפֿגענומען (זע אוריאל ווײַנרײַך 1964). אַ ווערטערבוך קען מען לאָקאַליזירן דורכן אַבסטראַהירן די פֿאָנאָלאָגישע סיסטעם וואָס ליגט פֿאַרבאָרגן אין די גראַפֿעמישע צייכנס פֿון בוך און איר קאָנפֿראָנטירן מיט אַנדערע באַקאַנטע אינפֿאָרמאַציעס. אַז מ'געפֿינט אין נתן־נטעס ווערטערבוך די פֿאָרמען *טאָג, נאָמן, צאָל, שטאָט*, ווייס מען באַלד אויף




צוויי זײַטלעך פֿון זעכצנטן קאַפּיטל פֿון נתּן־נטע האַנאָווערס שׂפֿה ברורה, 1660 (זע §2.4, §3.4.1), וואו ס'געפֿינט זיך אַ ש מ ו ע ס אויף פֿיר שפּראַכן (זע באַראַכאָוו 1913 ב' 91). אַ פֿאַקסימיליע פֿון אַ זײַטל פֿון דער פֿ י נ פֿ ש פּ ר אַ כ י ק ע ר אויפֿלאַגע פֿון 1701 ברענגט מאַקס ווײַנרײַך (1940א: 53-54).

אַן אָרט, אַז דאָס לשון זײַנס קען ניט שטאַמען פֿונעם דרומדיקן מערבֿ יידיש וואו וואָקאַל 13, דער לכּתחילה קורצער קדמון־יידישער a, הגם ער איז געלענגט געוואָרן (אַזוי אַרום: tāk, nāmə, cāl, štāt), איז ער קיינמאָל ניט קײַלעכֿדיק געוואָרן, להיפּוך צום לכּתחילה לאַנגן וואָקאַל 12 וואָס באַווײַזט זיך קײַלעכֿדיקערהייט אין אַ ל ע יידישע דיאַלעקטן אָן אויסנאַם (די טיפֿן אָונט, אַלמנה, יאָר, נשמה). מ'וואָלט זיך געקענט אַ טראַכֿט טאָן וועגן דער מעגלעכֿקײַט פֿון צפֿון־מערבֿ יידיש. די מעשה איז אָבער וואָס אַזעלכֿע וואַקלעניש ווי טאַג ~ טײַג ('טייג'), באַמר ~ בײַמר ~ בױמר ('ביימער') — ביידע וואָקאַל 24 — און אַג ~ אױג ('אויג') — וואָקאַל 44 — וואָלט מען אומדיסט זוכֿן אין צפֿון־מערבֿדיקן יידיש וואָס האָט קאָנסעקוועגט ā אויף וואָקאַל 44. בשעת מעשה דאַרף מען האַלטן פֿאַרן אויג, אַז אַזעלכֿע פֿאָרמען ווי אַג, באַמר, האַמליך ('הימלער'), טאַג ('טייג'), פֿר קאַפֿן ('פֿאַרקויפֿן'), צי זיי וואַקלען זיך אין טעקסט מיט די טראַדיציאָנעלע דיגראַפֿישע דיפֿטאָנגישע יי און וי צי ניט, קען מען זיך קוים אויסמאָלן אין וועלכֿן ניט איז נוסח פֿונעם מזרחדיקן יידיש. ניט אומדיסט האָבן לאַנדוי (אין לאַנדוי און וואַכֿשטיין 1911: xli), פּרילוצקי (1920: 79) און מ. ווײַנרײַך (1958א: 41-42) אָנגענומען ā$_{24(/44)}$ פֿאַרן סימן מובֿהק פֿונעם מערבֿדיקן יידיש. הייסט דאָס אַז די עצם וואַקלעניש פֿירט אין דער ריכֿטונג פֿון אַן איבערגאַנגס־שטח צווישן די צוויי העלפֿטן אַשכּנז. און דערפֿאַר וועט שוין זײַן ווייניק וואָס צו זײַן פֿאַרחידושט אַלמאַי די לעקסיק און סעמאַנטיק אין דער שׂפֿה ברורה ווײַזן סײַ אויף מזרח, סײַ אויף מערבֿ.

פֿאַר אָט דעם פּראָוויזאָרישן אַנאַליז שטייט אַ קשיא: די אַלע פֿאָרמען בײַ נתּן־נטע האַנאָווערן מיט פּתּח צוויי יודן (דער פּתּח שטייט כּנהוג אונטערן פֿריערדיקן קאָנסאָנאַנט), למשל אײַנציגר, בײַן, הײַליג, פֿלײַש, פֿרײַד, קלײַד, קלײַן, וואָס דערמאָנען גאָר אינעם הײַנטיקן צענטראַל־מזרחדיקן יידיש. זיי געהערן דאָך דער דיאַפֿאָנעם צענטראַל־מזרח יידיש aj ‖ דרום־מזרח און צפֿון־מזרח יידיש ej. מ'וואָלט געקענט אָפּפּסקענען אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט אַ וואַריאַנט פֿון פּוילישן יידיש, מן הסתם אַ וואַריאַנט אין דרום־מערבֿ פּוילן וואָס איז בשכֿנות מיטן דרומדיקן איבערגאַנגס־יידיש און אַזוי וואָלט מען געקענט פֿאַרענטפֿערן די זיכֿערע ā פֿאָרמען (וועגן דעם מערבֿ־יידישן ווינקל אין דרום־מערבֿ פּוילן זע פּרילוצקי

1920: 72-73, 152; 1921: 368). טוען מיר אָבער אַ קוק אויף דער גאַנצקײַט פֿון יידיש, היסטאָריש און געאָגראַפֿיש, זעט מען אַז מ'האָט צו טאָן מיט וואָקאַל 24, דאָרטן וואו מערבֿ יידיש האָט קאָנסעקווענט ā. אין מזרחדיקן יידיש איז וואָקאַל 24 אינגאַנצן צוזאַמענגעפֿאַלן מיט 22 אין אַ יחידותדיקער דיאַפֿאָנעם; אַזוי אַרום זײַנען שטיין 'שטיין אויף די פֿיס' (22) און שטיין 'עלנט ווי אַ שטיין' (24) האָמאָנימען אין גאַנצן מזרחדיקן יידיש. וואָס געפֿינט מען בײַ נתּן־נטען פֿאַר אַ שרײַבונגען אויף וואָקאַל 22? (מיר נוצן אָט די באַצייכענונג אַפֿילו דאָרטן וואו ס'הייסט בײַ מאַקס ווײַנרײַכן וואָקאַל 23, זע קאַץ 1982: §4.1, 1983: §4). נתּן־נטע נוצט צירה יוד, למשל אֵיבּיג, אֵיזל, בֵּיז, רֵיד, קֵיט, שֵׁין, שנֵיא. אויפֿן ערשטן בליק קען זיך דאַכטן אַז מען האָט דאָ אַנטדעקט אַ נײַעם יידישן דיאַלעקט וואָס האָט aj ווי אין צענטראַל־מזרחדיקן יידיש אויף וואָקאַל 24 אָבער ej (אָדער εj) אויף 22 ווי אין מערבֿדיקן יידיש (און, פֿאַרשטייט זיך, אויך אין איבעריקן מזרחדיקן יידיש כּאָטש אין אַ ייִנעם מיט 24). פֿירנדיק די השערה אַ ביסל ווײַטער קען מען קומען לידי מסקנא, אַז די שפּראַך פֿון דער שׂפֿה ברורה שפּיגלט אָפּ אַ פֿריערדיקע סטאַדיע אין דער אַנטוויקלונג פֿון צענטראַל־מזרח יידיש, ווען 24 איז פֿאַר זיך שוין געוואָרן aj בעת דער סילאַבישער עלעמענט פֿון 22 האָט נאָך געהאַט אַ העכערע וואָקאַלישע איכות, אַשטייגער e אָדער ε. צו אַזאַ אויספֿיר איז טאַקע געקומען מאַקס ווײַנרײַך: „דער ערשטער קלאַנג איז שוין געוואָרן aj, דער צווייטער שטייט נאָך אויף דער מדרגה פֿון ej בערך" (1928: 709).

מען קען אָבער טײַטשן אַנדערש: ראשית כּל, אַז אין זיבעצנטן יאָרהונדערט זײַנען שוין די ביידע וואָקאַלן — 22 און 24 — געווען איינס אין צענטראַל־מזרח יידיש פּונקט ווי הײַנט צו טאָג. והשנית אַז דאָ אין דער שׂפֿה ברורה האָט מען בכלל ניט צו טאָן מיט צענטראַל־מזרח יידיש, נאָר וואָדען, מיטן פּראָגער יידיש, אַ וואַריאַנט פֿון דרום איבערגאַנגס־יידיש. ניט דאָ איז דאָס אָרט זיך אַרײַנצולאָזן אין דער געשיכטע פֿון יידישן וואָקאַליזם (זע קאַץ 1982: §4). דאָ איז מען נאָר אויסן אַ קוק טאָן אויף אַ גראַפֿעמישער פּראָבלעם אין דער עלטערער יידישער לעקסיקאָגראַפֿיע. פּשוט גערעדט, ווי אַזוי זאָל מען אויסטײַטשן נתּן־נטעס נקודות? נתּן־נטע האָט ניט מורד געווען אינעם

אָנגענומענעם אויסלייג פֿון זײַן תּקופֿה, מערנקט ער האָט אים צ ו ג ע פּ אַ ס ט צום געריעדטן יידיש וואָס איז אים געווען באַקאַנט. אַחוץ אין עטלעכע פֿאַלן, וואָס מ'קען זיי ציילן אויף די פֿינגער האָט ער זיך ניט דערוועגט אָוועקוואַרפֿן דעם דור־דורותדיקן סימן ײַ (צוויי יודן) דאָרטן וואו אין זײַן לשון איז אַרויסגערעדט געוואָרן ā. הייסן הייסט דאָס אַז דער מחבר פֿון דער *שׂפֿה* ברורה, איז מיט זײַן פּתח צוויי יודן אויסן געווען ăncikər, bān, hālik, flāš, frād, klād, klān (קאָנסאָ־נאַנטיידס נאָרמאַלידירט). דורך דעם וואָס ער האָט צוגעגעבן דעם פּתח צו די טראַדיציאָנעלע צוויי יודן האָט ער דערנענטערט דעם אויסלייג צום אַרויסרייד. אַדאַנק דער דאָזיקער פּשרה (די אָנגענומענע א ו ת י ו ת מיט אַ צוגעגעבענער נ ק ו ד ה) האָט זיך נתּן־נטען אײַנגעגעבן שאַפֿן אַ סך אַ געטרײַערע אָפּשפּיגלונג פֿון גערעדטן יידיש איידער בײַ אַנדערע אין זײַן דור. בשעת מעשה האָט ער אויך מצליח געווען זײַן ווערטערבוך זאָל פֿאַרן דעמאָלטיקן באַנוצער ניט האָבן קיין פּנים פֿון אויסטערלישקייט אָדער אומפֿאַרשטענדלעכקייט, ווי ס'האָבן בדרך כּלל רעפֿאָרמאַטאָרישע ווערטערביכער.

### 3.4.2 דער פּראָגער *Handlexicon*.

להיפּוך צו דער *שׂפֿה* ברורה, איז דער פּראָגער *Handlexicon* געצילט אויף אַ ניט־יידישן עולם. די זוך־ווערטער (בדרך כּלל לויט דער יידישער פֿאָרעם וואָס איז צום מערסטנס געגליכן צום לשון־קודשדיקן שורש) ווערן געבראַכט סײַ אין יידישן אלף־בית סײַ אין דער לאַטייןישער טראַנסקריפּציע בעת די אַלע אַנדערע אײַנסן בײַ איטלעכן זוך־וואָרט ברענגט מען נאָר אין דער טראַנסקריפּציע. אַלע פֿאַרטײַטשונגען און קאָמענטאַרן זײַנען אויף דײַטש. ווי ס'רובֿ ווערטערביכער פֿון יידיש פֿאַר ניט־יידן ווערט דער טראָפּ געלייגט אויפֿן סעמיטישן חלק פֿון יידיש, ווערטער פֿון אַנדערע מקורות ווערן נאָר זעלטן געבראַכט. אַזוי אַרום קען מען דעם ווערטערבוך באַטראַכטן ווי אַ דערגאַנצונג צו נתּן־נטעס ווערק וואו דער סעמיטישער חלק ווערט כּמעט אינגאַנצן אויסגעלאָזן — מן הסתּם איז דאָס די אַלטע מעשׂה: מען פֿאַרטײַטשט דאָך העברעאישע ווערטער אויף יידיש, פּאַסט ניט איבערצוזעצן אַ העברעאיש וואָרט אויף נאָך אַ „העברעאיש וואָרט", בפֿרט אַז ס'איז דאָס זעלביקע וואָרט — דאָס וואָלט דאָך ניט געהייסן פֿאַרטײַטשט, באַנוצט

מען זיך נאָר מיט גערמאַניש־שטאַמיקע ווערטער. טאַקע דערפֿאַר זײַנען די דײַטש־געשריבענע לעקסיקאָגראַפֿישע קאָמפּילאַציעס אין וועלכע די יידישע ווערטער ווערן געבראַכט מיט לאַטײַנישער שריפֿט אַזוי וויכטיק פֿאַר דער יידישער פֿילאָלאָגיע. דער פּראָגער Handlexicon ווערט צוגעשריבן צו ל. טירשן (1773 און אַ סך ווײַטערדיקע דרוקן, אויך פּלאַגיאַטן — זע באָראָכאָוו נב׳ 41, 46). דער Handlexicon גיט די זוך־ווערטער אי מיט יידישע אותיות אי מיט לאַטײַנישע. די ווערטער און פֿראַזן וואָס ווערן געבראַכט אין דער פּאָזיציע גופֿא ברענגט דער מחבר נאָר מיט לאַטײַנישע אותיות.

אַ צאָל שטריכן אינעם Handlexicon ווײַזן אָן בולט אויפֿן מזרחדיקן יידיש. בײַם סינטעטישן ווערב אינעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט וואו דער שורש לאָזט זיך אויס אויף l, קומט דער שוואָ פֿ אַ ר ן למד אין מערבֿ יידיש, אַזוי אַרום áxəln (acheln אין דער דײַטש־באַזירטער שרײַבונג); אין Handlexicon איז עס אָבער Achlen ('אַכלען', טירש 1773: 19). אין דער שרײַבונג Bentschen ('בענטשן', ד׳ 29) זעט זיך באַשײַמפּערלעך די אַפֿריקירונג וואָס איז כֿאַראַקטעריסטיש פֿאַרן מזרחדיקן יידיש. אויף מערבֿ ווײַזן אַזעלכע אײנסן ווי *אורן* orn 'דאַוונען' (ד׳ 24), *פּילצל* Piltzl 'מיידל' און *פּלנגנה* Plangene 'ווײנען' (ביידע ד׳ 119). וועגן *אורן* (= *אָרן*) און *פּלנגנה* (= *פּלאַנכֿענען*) זאָגט דער מחבר: nur jüdisch-deutsch, ד״ה ער קען זיי ניט קאָרעלירן מיט עטימאָלאָגיש־קרובֿישע ווערטער אין שפּראַכן וואָס זײַנען אים באַקאַנט.

ס׳איז קיין חידוש ניט וואָס אין אַן איבערגאַנגס־דיאַלעקט געפֿינט מען לעבנאַנאַנד פֿאָרמען וואָס וואַקסן פֿון פֿאַרשידענע ערטער. אַזעלכע פּאַראַלעלע פֿאָרמען זײַנען פֿאַראַן אינעם *Handlexicon*, למשל Nedan, nedunjo (*נדן, נדוניא*, ד׳ 96; זע א. ווײַנרײַך 1965: 12-13; לעווענשטיין 1969: 20, 24); Soton, Sutn (שטן, ד׳ 105). דאָס גאָר אַלטע יידישע וואָרט כאָטש ברענגט דער מחבר אין די געשטאַלטן *חדשי* און Chodsche (ד׳ 50). צו דער פֿאָנאָלאָגיע איז וויכטיק די צווישן־סטאַדיע ü, ū דאָרטן וואו אין הײַנטיקן דרומדיקן מזרח יידיש הערט זיך i, ī און אין צפֿון־מזרח יידיש u, ד״ה די וואָקאַלן 51 און 52. דער איבערגאַנג u > ü איז אַ גאָר אַלטער בײַט אין טײלן יידיש (זע בירנבוים 1934). שפּעטער אַז 51 און 52 זײַנען געוואָרן אויס קײַלעכדיק, האָבן זיי זיך צונויפֿגעגאָסן מיט תּחילתדיקע i

און ז אינעם דרומדיקן מזרח ייִדיש. הייסט דאָס אַז דאָס פּראָגער ייִדיש היט דאָ אויף אַ סטאַדיע פֿון וועלכער ס׳איז הײַנט כּמעט קיין סימן ניט פֿאַרבליבן אינעם הײַנטיקן ייִדיש (וועגן אַ יוצא מן הכּלל זע הערצאָג (1965: 166-167) אין טעקסט פֿונעם *Handlexicon* איז די טראַנסקריפּציע נאָרמאַליזירט לויטן אויף דעמאָלט סטאַנדאַרדן u. וועגן דער ü רעאַליזירונג רעדט דער מחבר בפֿירוש אין דער הקדמה (ז׳ 6) וואו ער ברענגט פֿון דוגמא וועגן bsülo (׳בתּולה׳). ספֿאַראַדיש באַווײַזן זיך טשיקאַווע e וואָקאַלן, אַשטייגער Jeruscho oder jerescho אויף ׳ירושה׳ (ז׳ 70), און Sephek אויף ׳ספֿק׳ (ז׳ 106).

צום וואָקאַבולאַר דאַרף דערמאָנט ווערן שקדלה Schkedele ׳קעסטעלע׳ (ז׳ 158) און Gojus (׳גויות׳ = ׳קריסטנטום׳, ז׳ 33, זע שמערוק 1986: 192, הערה 7 וועגן דעם וואָרט אין מאָדערנעם צענטראַל־מזרח ייִדיש, אַרויסגערעדט gájəs). וואָס שייך דער סעמאַנטיק איז אינטערעסאַנט אַז אויך דעמאָלט, אויך דאָרטן האָט סיבה געהייסן unversehener Zufall ׳ניט־פֿאָרויסגעזעענער צופֿאַל׳ (ז׳ 102). פֿאַראַן אַ נטיה בײַ איבערגאַנגס־שטחים, אַז זיי נעמען אַרײַן אין דער שפּראַך פֿאַרשידענע סינאָנימען פֿון שכנותדיקע שטחים אויף איין באַגריף, נעמען זיך די סינאָנימען אַנטוויקלען אַ נײַעם סעמאַנטישן חילוק. אַזוי האָט זיך אַפֿנים געטראָפֿן מיטן וואָרט רבֿ אין פּראָגער ייִדיש. כּידוע ווערט רבֿ רעאַליזירט rāf אין דרומדיקן מערבֿ ייִדיש (מיט וואָקאַל 13 וואָס גייט אַרײַן אינעם צונויפֿגעגאָסענעם ā$_{13/24/44}$); פֿאַרקערט, אין מזרחדיקן ייִדיש האָט זיך די רעאַליזירונג פֿון וואָקאַל 13 צונויפֿגעגאָסן מיטן לכתּחילה לאַנגן וואָקאַל 12: אין דרומדיקן מזרח ייִדיש ū ~ u$_{12/13}$, אין צפֿון־מזרח ייִדיש i$_{12/13(/41)}$. אַליין נוצט אונדזער לעקסיקאָגראַף Rov אָדער Roph (למשל זז׳ 95, 106, 120, 135). בײַ דער שײַכותדיקער פּאָזיציע (ז׳ 139) באַמערקט ער אָבער, אַז Rav איז טײַטש ׳רבי׳ (אַזוי אויך Rebbe, Rabbi), בעת Rov רופֿט מען נאָר אָן דעם סאַמעראָדנעם אייבערראַבינער.

## 3.5 צפֿון איבערגאַנגס־ייִדיש: פֿרידריכס *Unterricht*.

להיפּוך צום דרומדיקן איבערגאַנגס־ייִדיש איז פֿונעם צפֿון איבערגאַנגס־ייִדיש כּמעט קיין סימן ניט געבליבן אין אונדזער יאָרהונדערט. צום ייִדיש פֿון פּויזן און אַ גאָר גרויסן חלק פֿון פּרײַסן איז אָבער דאָ אַ ווערק וואָס איז סײַ אַ

דיאַלעקטישער ווערטערבוך, סײַ אַ דיאַלעקטאָלאָגיש ווערק. ס'רעדט זיך וועגן קאַרל ווילהעלם פֿרידריכס *Unterricht in der Judensprache, und Schrift, zum Gebrauch für Gelehrte und Ungelehrte* וואָס איז אַרויס אין 1784 אין פּרענצלאָ. זײַן בוך פֿאַרנעמט איינע פֿון די בכּבֿודיקסטע פּאָזיציעס אין אונדזער פֿילאָלאָגישער ליטעראַטור (זע קאַץ 1988: 43-53). פֿרידריכס דיאַלעקטאָלאָגיע וועט נאָך קומען צו רייד אונטן, 4.4§. דאָ באַנוגענען מיר זיך מיט אַ קליין ביסל מאַטעריאַל איבער פֿרידריכס אייגענעם ייִדיש, בפֿרט אין שײַכות מיט דער ברייטערער סבֿעמע ייִדישע דיאַלעקטן.

פּונקט ווי זײַן דרומדיקער „שכן" האָט אויך צפֿון איבערגאַנגס־ייִדיש בולטע שטריכן הן פֿון מערבֿ, הן פֿון מזרח. די נפֿקא מינה איז אָבער וואָס די פֿאַרשידענע עלעמענטן פֿון מערבֿ און פֿון מזרח האָבן זיך אין צפֿון צונויפֿגעשטעלט גאָר אַנדערש איידער אין דרום. שפּראַך באַשטייט דאָך ניט פֿון געמישן פֿון דאָ און פֿון דאָרטן כאָטש אין גאַנג פֿון דיאַלעקטאָלאָגישער פֿאָרשונג איז מען צו מאָל מעטאָדאָלאָגיש נוטה זיך אָפּצושטעלן אויף צעוואָרפֿענע פּרטים, זייער מקור און זייערע גלגולים. איטלעכער „דיאַלעקט" איז אָבער פֿאַר זיך אַ וועלט מיט קלייניקע וועלטעלעך, אַ סיסטעם שפּראַך וואָס איז סינכראָניש אומאָפּהענגיק און סטרוקטורעל גאַנץ. צפֿון איבערגאַנגס־ייִדיש איז קיין יוצא מן הכלל ניט און די ווײַטערדיקע פּרטים ווערן געבראַכט אויף צו פֿאַרשטיין די פּאָזיציע פֿון אָט דעם אָפּגעשטאָרבענעם צווײַג רעלאַטיוו צו דער גאַנצקייט ייִדיש. אין איינעם מיט צענטראַל־מזרח ייִדיש, וואָס איז דאָך יעדן באַקאַנט, האָט פֿרידריכס ייִדיש $\bar{a}_{34}$, אַזוי אַרום: baassen ('בײַסן', פֿרידריך 1784: 90), blâben ('בלײַבן', ד' 52), Gâwe ('גאווה', ד' 20), opschnâden ('אָפּשנײַדן', ד' 71). יענע ā וואָקאַלן וואָס ווערן פֿאַררעכנט פֿאַרן סימן מובֿהק פֿונעם מערבֿדיקן ייִדיש, $\bar{a}_{24/44}$, באַווײַזן זיך גאָר אויף אַ מ ז ר ח ד י ק ן שטייגער, ד"ה וואָקאַל 24 אין איינעם מיט 22 און וואָקאַל 44 אין איינעם מיט 42. למשל Kleid (= [klajd] 'קלייד', ד' 54) און Augen (= [ɔ́ugn̩] אָדער [áugn̩] = 'אויגן', ד' 95). דער [aj] איז בפֿירוש אַזוי ווי אין צענטראַל־מזרח ייִדיש, דער [ɔu] אָדער [au] איז אפֿשר געגליכן צו אַ פֿריערדיקער סטאַדיע פֿון מזרחדיקן ייִדיש בכלל. מ'קען אָפּגעהיטענערהייט משער

זײַן אַ שײַכות צווישן אָט דעם au \ uɔ און דעם קורלענדער יידיש (זע מאַקס ווײַנרײַך 1923ב: 200-201).

די וואָקאַלן 12 און 13 באַווײַזן זיך ווי ō (ווי אין אַ פֿריער סטאַדיע פֿונעם מזרחדיקן יידיש בכּלל, אויך אין צפֿון־מערבֿ יידיש), אַשטייגער beklōgen ('באַקלאָגן', ד' 90). בײַ די שכנותן וואו צענטראַל־מזרח יידיש האָט אַנטוויקלט אַ שוואַ נאָכן ū (זע למשל גוטמאַן 1926: 380, קאַץ 1988ג: 50) איז עס אויך פֿאַראַן בײַ פֿרידריכן, למשל bal boess ('באַלעבאָס', ד' 87), Boert ('באָרד', ד' 88). פֿרידריך ברענגט דאָס ווערטל Host du moess, bist du e bal boess ('האָסטו מעות, ביסטו אַ באַלעבאָס', ד' 87). דאָ זעט מען אַגבֿ די מערבֿ־יידישע רעאַליזירונג פֿונעם אומבאַשטימטן אַרטיקל, ə, וואָס איז קאָנסעקווענט בײַ פֿרידריכן, אַשטייגער e metone geben 'אַ מתנה געבן' (ד' 93). סײַ די פּרעפּאָזיציע אויף, סײַ דעם קאָנווערב אויף־ האָט מען אין צפֿון איבערגאַנגס־יידיש רעאַליזירט uf: די פּרעפּאָזיציע 'אויף' איז uf, 'אויפֿמאַכן' איז ufmachen (ביידע ד' 65). דאָס דערמאָנט גאָר אין צפֿון־מערבֿדיקן יידיש (זע למשל בײַם 1970: 140, נ' 568, 228, נ' 1017) כאָטש היפּאָטעטישע קאָרעלאַציעס קען מען אויפֿשטעלן מיט טיילן פֿונעם מזרחדיקן יידיש (בפֿרט די עצם אידענטישקײַט פֿונעם קאָנווערב מיט דער פּרעפּאָזיציע אין טיילן פֿון צענטראַל־מזרח יידיש, זע הערצאָג 1965: 206, 208).

דער פֿאָרגעלייגטער אויסטײַטש פֿון פֿרידריכס וואָקאַליזם (און במילא פֿונעם דיאַלעקטאָלאָגישן מהות פֿון זײַן יידיש) איז פּרינציפּיעל אַנדערש איידער בײַ מאַקס ווײַנרײַכן. אַז ס'איז געקומען צו רייד וועגן נתּן־נטע האַנאָווערס שׂפֿה ברורה (זע אויבן §3.4.1) האָב איך געטענהט, אַז די פֿאָרמען מיט פּתּח צוויי יודן רופֿן אַרויס גראַפֿעמישע און שפּראַך־סאָציאָלאָגישע פֿראַגן בעת ווײַנרײַך נעמט זיי אָן פֿאַר גוט געלט ווי זיי שטייען און גייען. דאָ בײַ פֿרידריכן איז איפּכא מסתברא: מיר זעט אויס אַז פֿרידריכס טראַנסקריפּציעס פֿונעם צפֿון איבערגאַנגס־יידיש דאַרף מען טאַקע אָננעמען פֿאַר גוט געלט ווי זיי שטייען און גייען. ראשית כּל איז פֿרידריכס ווערק געשריבן געוואָרן אויף דײַטש, די יידישע ווערטער ווערן דאָך געבראַכט אין ל אַ ט ײ נ י ש ע ר טראַנסקריפּציע. הייסט דאָס אַז מ'דאַרף זיך דאָ ניט רעכענען מיט די באַגרענעצונגען פֿון דער טראַדיציאָנעלער יידישער

שרײַב־סיסטעם. והשנית איז פֿרידריך מבטל ולידה אַ ד י אַ ל ע ק ט אָ ל אָ ג (זע אונטן §4.4). ער רעכנט זיך שטאַרק מיט אונטערשיידן אינעם אַרויסרייד פֿונעם ייִדיש פֿון פֿאַרשידענע מקומות. דווקא בײַ פֿרידריכן האָט אָבער ווײַנרײַך שוין צוויי מאָל געהאַט ספֿקות צי ער איז אַ בר סמכא. לכתחילה איז ווײַנרײַכן געווען קשה, וואָס בײַ פֿרידריכן איז דאָ ō אַנשטאָט ū ווי אין צענטראַל־מזרחדיקן ייִדיש, ס'קומט אים אויס „דייער מאָדנע" און ער לייגט פֿאָר אַז „מיט זײַן ō האָט פֿרידריך געהאַט אין זינען גאָר אַ פֿאַרמאַכטן ō וואָס קלינגט שיער ניט ווי u" (ווײַנרײַך 1940א: 57). און שפּעטער צו אַז ווײַנרײַכן (1958א: 166-167, 182) איז געגאַנגען פֿרידריכס ייִדיש מצרף צו זײַן צום מ ע ר ב ד י ק ן ייִדיש. איז אים אויסגעקומען „שטאַרק חשוד" פֿרידריכס פֿאַרזיכערונג, אַז כמעט אין גאַנץ פּרײַסן איז דאָס לשון געגליכן צו פּויזן, ד"ה אַז וואָקאַל 24 ווערט רעאַליזירט ניט ā ווי אין מערבֿ ייִדיש נאָר דווקא aj בהסכם מיט צענטראַל־מזרח ייִדיש. כאָטש ווײַנרײַך (1958א: 164) נעמט אָן וואָקאַל 24 פֿאַרן מבחין־סימן פֿון מערבֿ ייִדיש, האַלטנדיק זיך בײַ פּרילוצקיס סימן (פֿאָרגעלייגט אין פּרילוצקי 1920: 79) פֿאַר דער קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די ייִדישע דיאַלעקטן, ווייס מען אָבער אַז די דעפֿיניציע זײַנע פֿון מערבֿ ייִדיש נעמט אַרום ניט בלויז וואָקאַל 24 (די טיפּן *איינס*, *ביין*, *פֿלייש*) וואָס ענטפֿערט בדרך כלל דעם מיטל־הויכדײַטשישן ei, נאָר אויך וואָקאַל 44 (די טיפּן *אויג*, *בוים*, *קויפֿן*) וואָס ענטפֿערט בדרך כלל דעם מיטל־הויכדײַטשישן ou. וועגן דער יחידותדיקער ā רעאַליזירונג פֿון ביידע ווי אַ שטריך פֿונעם מערבֿדיקן ייִדיש האָט שוין לאַנדוי געשריבן אין שײַכות מיט די פּראָגער בריוו פֿון 1619 (אין לאַנדוי און וואַכשטיין 1911: xli). בײַ פֿרידריכן לערנט מען אַז צפֿון איבערגאַנגס־ייִדיש, וואָס נעמט אַרײַן אַ סך שטריכן סײַ פֿון מזרח, סײַ פֿון מערבֿ, האָט דווקא נ י ט דעם „סימן מובהק" פֿון מערבֿ ייִדיש, $\bar{a}_{24/44}$, להיפּוך צום דרומדיקן איבערגאַנגס־ייִדיש וואָס האָט אים בדרך כלל יאָ. מען וועט צוליב דעם חלילה ניט פּסלען פּרילוצקיס געראָטענעם סימן, כאָטש אין די ראַמען פֿונעם מזרחדיקן ייִדיש גופֿא איז בילכער בירנבוימס סימן (פֿאָרגעלייגט אין בירנבוים [1918]: 16), דרומדיק ū/u כנגד צפֿונדיק ɔ. מיר זעען אָבער יאָ אײַן די סכנה פֿון וועלכן ניט איז איינאיינציקן סימן. בפֿרט בײַ איבערגאַנגס־שטחים זײַנען אַזעלכע סימנים ניט אויפֿן אָרט (זע הערצאָג 1965). זעט אויס אַז דער

היסטאָרישער פֿאַרשפּרייט פֿון $\bar{a}_{24/44}$ איז אין די צפֿונדיקע איבערגאַנגס⸗שטחים געווען אָן אַ שיעור קלענער איידער אין דרום. וואָס שייך פֿרידריכֿס וואָקאַליזם בכלל, זעט מען ווי אַזוי וואָקאַלישע רעאַליזירונגען וואָס שטאַמען פֿון פֿאַרשידענע יי ד י ש ע דיאַלעקטן האָבן זיך קאָמבינירט אין אַ נײַער אייגנאַרטיקער סיסטעם. דער קײַלעכֿדיקער ü טרעפֿט זיך דער עיקר בײַ נײַערע ווערטער, למשל Büchse 'ביקס צום שיסן' כנגד Bix 'בשמים⸗ביקס' (ביידע ד' 103). וואָקאַלן ווערן פֿאַרנידעריקט פֿאַר r, למשל Kerje ('קריה' = 'שטאָט', ד' 23). דער בולטסטער שטריך פֿונעם קאָנסאָנאַנטיזם איז די אַפֿריקירונג פֿון s אָנהייב וואָרט צוליב וועלכֿער ער פֿאַלט צונויף מיט c, למשל Zamech ('[דער אות] סמך', ד' 7), Zeichel ('שׂכל', ד' 93), Zekone ('סכּנה', ד' 39). פֿרידריכֿס <z> איז פֿאַרשטייט זיך דער דײַטשישער אָרטאָגראַפֿישער סימן אויף [ts]\[c] = אונדזער צדיק.

צו דער מאָרפֿאָלאָגיע איז כּדאַי צו פֿאַרצייכֿענען אַז להפֿוך צום דרומדיקן איבערגאַנגס⸗ייִדיש וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין פּראָגער *Handlexicon*, קומט דער שוואָ פֿ אַ ר ן l בײַ סינטעטישע ווערבן פֿונעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט וואו דיגער שורש לאָזט זיך אויס אויף למד — אויפֿן מערבֿדיקן שטייגער — למשל ufacheln ('אויפֿאַכלען'), passeln ('פּסלען', ביידע ד' 72). דימינוטיוון שאַפֿט מען אויף <che> \ <elche> (= [jə]?): bocherche ('בחורל', ד' 105), Büchelche ('ביכֿל', ='בי⸗כֿעלע'?), Zeiferche ('ספֿרל', ביידע ד' 103; זע מ. ווײַנרײַך 1958א: 166). אויף 'בירגערמײַסטער' גיט פֿרידריך די פֿאָרמען Borgemeister און Roscheiren, Roscheren ('ראש עירון', ד' 104).

לאַנגער פֿאַ (ף) רופֿט זיך Ufei (ד' 7). דאָס איז אַן אַלטע פֿאָרמע, מ'געפֿינט עס למשל בײַ וואַגענזײַלן (1699: 83), געשריבן Uffé. בײַם ייִדישן פּאָעט א.⸗נ. שטענצל (1897-1983) האָב איך פֿאַרצייכֿנט אָט די פֿאָרמע מערניט מיטן דיכֿטערס צענטראַל⸗מזרח ייִדישן i וואָקאַל: ífaj (שטענצל 1978). שטענצל איז געבוירן געוואָרן אין טשעלאַדז, אין בענדינער ראַיאָן וואו פּרילוצקי האָט אַנטדעקט מערבֿ⸗ייִדישע סימנים אין טייל פֿונעם פּוילישן ייִדיש (זע פּרילוצקי 1920: 72-73, 152; 1921: 368). האַלטנדיק זיך בײַ דער פֿאָרגעלייגטער סכעמע קען דאָס פּראָוויזאָריש הייסן אַז דאָס וואָרט איז ספּעציעל כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די ביידע שטחים פֿון איבערגאַנגס⸗ייִדיש. צי דאָס וועט זיך לאָזן באַשטעטיקן

דאַרף מען ערשט זען. זולכֿן סימנים וואָס זײַנען כֿאַראַקטעריסטיש פֿאַרן ג אַ נ צ ן שטח פֿונעם איבערגאַנגס־ייִדיש דאַרף מען אָבער בפֿירוש יאָ (זע קאַץ 1988ג: 52-53).

צו דער סעמאַנטיק פֿון פֿרידריכֿס ייִדיש זײַנען טשיקאַווע למשל אָט די אַנטוויקלונגען (פֿון פשטות־וועגן ווערן די טײַטשן דאָ געבראַכֿט אויף ייִדיש): dewasch ('דבֿש' ='האָניק') הייסט בײַם ריידן אויף 'צוקער' (ד' 18); Klaumer ('כלומר') הייסט 'דהײַנו' און 'צי איז עס מעגלעך?' (ד' 24; פֿגל' אונדזער סטײַטש!). צום אַרויסרייד דערציילט פֿרידריך אַז „נאָך אָפּטער" הערט מען Klomer). די פֿאָרמע וואָס פֿרידריך באַצייכֿנט מיט זײַן o איז מסתמא גאָר אַן אַלטע — א ו י ב ס'רעדט זיך וועגן קורצן אָפּענעם ɔ (ד"ה וואָקאַל 41), האָט דאָס וואָרט אויפֿגעהיט אַן אַלטע קירצונג פֿאַר m (פֿגל' אונדזער טאָמער); מזל איז בײַם ריידן טײַטש (אַחוץ 'פֿאַרפֿלייצונג') אויף 'אַ סך' (ד' 26); סיבה, פּונקט ווי אין דרום איבערגאַנגס־ייִדיש (און טיילן פֿונעם מאָדערנעם ייִדיש) הייסט 'צופֿאַל' (ד' 40); רושם איז טײַטש 'צייכֿן, מוסטער' (ד' 34); רשעות איז אַ 'באַליידיקונג' (ד' 91) און תשמידים ווערן אָנגערופֿן די אַפּאָסטאָלן (ד' 82); ס'איז פֿון תּלמידים וואו דער שורש √למד ווערט פֿאַרביטן דורך לשון √שמד. פֿרידריך ברענגט אויך אַ ים מיט פֿראַזעאָלאָגיע. לאָמיר נאָר דערמאָנען דעם אונטערשייד צווישן מענער־לשון און פֿרויען־לשון וואָס אָט דער מערקווערדיקער פֿילאָלאָג האָט אונדז איבערגעלאָזט פֿון דעם צפֿון איבערגאַנגס־ייִדיש (דד' 95-96). די באַגריסונגען jehi haschem imochem ('יהי ה' עמכּם'), borech habo ('ברוך הבא') און borech nimze ('ברוך נמצא') נוצן מענער בעת פֿרויען באַנוצן זיך מיט Guten Morgen ('גוט מאָרגן'), guten Owent ('גוטן אָוונט'), Gott helf aach ('גאָט העלף אײַך', פֿגל' דעם רעגיאָנאַלן גאָטעלעף), Gut joer ('גוט יאָר'), און Es Gottswillkumt (פֿגל' סקאָצל קומט) אויף וועלכֿן דער ענטפֿער איז Waul gesche aach ('וואויל געשע אײַך', פֿגל' זאָל אײַך וואויל באַקומען). בײַם געזעגענען זיך זאָגן אי מענער אי פֿרויען Sât mauchel ('זײַט מוחל'). אָט די וויכֿטיקע סאָציאַלע אונטערשיידן דאַרף מען פֿאַרגלײַכֿן ניט נאָר מיט די מזרח־אייראָפּעאישע פֿאַרהעלטענישן נאָר אויך מיט יענע טיילן מערבֿ ייִדיש, וואו מ'האָט די שײַכֿותדיקע אינפֿאָרמאַציעס (למשל לעווי 1924 איבער מענער־לשון און פֿרויען־לשון אין עלזאַסער ייִדיש).

# IV

# דיאַלעקטאָלאָגישע לעקסיקאָגראַפֿיע

## 4.1 דער באַגריף דיאַלעקטאָלאָגיע.

מאָדערנע דיאַלעקטאָלאָגישע פֿאָרשונגען אויפֿן סמך פֿון פֿאָרדיפֿלטיק אויספּלאַנירטע אינטערוויוען, נוצנדיק גוט געקליבענע פֿרעגבויגנס מיטן ציל צו קאַרטאָגראַפֿירן, ווערט מען אומדיסט זוכן אין פֿריערדיקע יאָרהונדערטער. די עצם וויסנשאַפֿטלעכע קאָנפֿיגוראַציע וואָס איז דאָ שייך איז דאָך אויסגעוואַקסן אין משך פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט. פֿון דער אַנדערער זײַט מוז מען זיך אָבער היטן פֿאַרן סנאָביזם פֿון מאָדערנקײַט און אַקאַדעמישער אָרגאַניזירטקײַט. שפּראַך איז אַ סאָציאַלער יש, איטלעכער האָט דאָך צו טאָן מיט אַנדערע וואָס ריידן אַנדערש (צי אַ ביסל צי אַ סך אַנדערש) אַזוי אַז דער „פּשוטער מענטש" איז אויך אַ בעלן אויף צו באַטראַכטן שטחדיקע און סאָציאַלע אונטערשיידן. אָט דער אינטערעס איז דיכער ניט קיין סך ייִנגער איידער שפּראַך גופֿא. דאַרף עס קיין חידוש ניט זײַן וואָס אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך דאָ און דאָרט אויפֿגעהיט סימנים פֿון דיאַלעקטאָלאָגישע באַטראַכטונגען. ביז דאַנעט איז אונדז געגאַנגען אין פֿרעזענטירן מוסטערן פֿון רזיוואַרג, פֿון שפּראַכיקן חומר אויף צו באַאַרבעטן. דאָ גייט עס אין ברענגען עטלעכע דוגמאות פֿון באַוואוסטזיניקע שפּראַכיקע אָבזערוואַציעס.

## 4.2 שפּראַכיקע באַמערקונגען.

ס'איז שוין אויסגעקומען צו דערמאָנען (§2.4) אליה בחור‏ס (1542) באַמערקונג איבער די דרײַ וואַריאַנטן *רפֿואה*, *אסא* און *אסותא* אין *שמות דבֿרים*. אין זײַן *תשבי* האָט ר' אליה (1541ב) בײַם זוך־וואָרט *מחה* איבערגעגעבן די פֿאָרמע אַב *מיקן* ('אָפּמעקן') אין אײנעם מיט זײַן באַמערקונג „ולא הניעו החית כדרך האשכנזים" ('און האָבן לויטן שטייגער פֿון די אַשכנזים דעם חית ניט אַרויסגערעדט'). פֿון אָט אָ דער קורצער באַמערקונג אַנטפּלעקט זיך אַ גאָר יסודותדיקער שטריך פֿון ר' אליהס יידיש, דהײַנו דאָס געהערן צו די בני ה י ת (זע מ. ווײַנרײַך 1958ב, קאַץ 1988: 42).

בײַ חיים בן מנחם מאַנשן (זע אונטן 6.1§) אין זײַן *מראה הכּתבֿ* (1717±: [4]) טרעפֿט מען אָט אַזאַ אָנװײַזונג לגבי דער שרײַבונג פֿון די נעמען פֿון דײַטשישע און פּױלישע שטעט, פֿון װעלכן מען קען עפּעס אָפּלערנען מכּוח אינעװײניקסטע ייִדישע אונטערשײדן צװישן דײַטשישע און פּױלישע ייִדן בײַ דער ש ט י מ י ק ײַ ט  פֿון קאָנסאָנאַנטן װאָרט־אױס.

> קיין פולש מקום [=״פּױלישע שטאָט״ — ה.־ד. ק.] מיט קיין ף ניט אײז צו לאזין. נײארט מיט איין ב דהיינו [=למשל] פינשבֿ װאדיסלובֿ יערוסלובֿ. אבר טײטשי מקומות דהיינו קליף ברומף. דא לאזט מן יוא אײז מיט דער ף אורזך דיא פּילשי מקומות קומן אױש דען פולשן לשון ארײז װיא די ישמעאלים [=״ניט־ייִדן״ — ה.־ד. ק.] רידן דהיינו װאדיסלבֿי יעריסלבֿי דא קומט הינטין נאך איין אות דרום מוז מן איין ב שרייבן. אבר דיא טײטשי מקומות רידן דיא ישמעאלים אז װיא דער בר ישראל דרום שרייבט מן יוא איין ף.

די שורות זײַנען טאַקע אַ ביסל קשה, מ׳קען זײ פֿאַרטײַטשן אױף פֿאַרשידענע אופֿנים. א פֿ ש ר  קען מען דאָ אָפּלערנען אַז דעם מחבר זײַנען געװען באַקאַנט פּױלישע ייִדן (אפֿשר געמײנט אין ברײטערן זין — מ ז ר ח ד י ק ע  אַשכּנזים) װאָס האָבן אַרױסגערעדט v סוף װאָרט להיפּוך צו דײַטשישע ייִדן בײַ װעלכע דער כּלל פֿון קאָנסאָנאַנטאַלער אומשטימיקײַט סוף װאָרט איז נאָך געװען אַ סינכּראָניש־לעבעדיקער פֿאָנאָלאָגישער פּראָצעס, און װאָס האָבן דעריבער אַרױסגערעדט f סוף װאָרט. זוכנדיק אַ דרױסנדיקן אָנשפּאַר פֿאַרן פֿאָרגעלײגטן חילוק בײַם שרײַבן, נעמט אונדזער מחבר פֿאַרגלײַכן דעם ייִדיש פֿון מזרח און מערבֿ מיט די קאָטעריטאָריאַלע ניט־ייִדישע לשונות. היות װי אין זײַן אײגענער פֿאָנאָלאָגיע לײגט זיך ניט אױפֿן שכל אַ v סוף װאָרט (דאָס הײסט פֿאַרשטײט זיך אַז אױך ניט קײן b, g, d, z, ž) באַמיט ער געבן צו פֿאַרשטײן פֿאַרװאָס בײַ מזרחדיקע ייִדן װאָס זײַנען אים באַקאַנט, רעדט זיך יאָ אַרױס v סוף װאָרט. כּאָטש בפֿירוש רעדט ער װעגן שרײַבן. די דיפֿערענציעלע צװײשפּראַכיקע פֿאָנעטיק בײַ די בײדע קיבוצים ייִדן קומט אים צו הילף די קשיא צו פֿאַרענטפֿערן. אין מערבֿ אַשכּנז הערט זיך דער f װאָרט־אױס סײַ אױף ייִדיש, סײַ אױף דײַטש, בעת בײַ די פּױלישע נעמען דאַרף ער זיך סומך זײַן אױף אַ װאָקאַל נאָכן קאָנסאָנאַנט בײַ די

ניט־יידן, אַנדערש קען דער מחבר ניט תּופֿס זײַן שטימיקע קאָנסאָנאַנטן וואָרט־אויס. צי אָט אָ די גראַפֿעמישע אויסטײַטשונג וועט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען, ווייס מען נאָך ניט. טאָמער יאָ, וועט חיים בן מנחם מאַנשעס עדות־זאָגן פֿאַרשטאַרקן די גאָר אינטערעסאַנטע טעאָריע וואָס קינג (1980) לייגט פֿאָר בנוגע אַ מער פֿאַרשפּרייטער שטימיקײַט וואָרט־אויס אין פֿריערדיקע יאָרהונדערטער. קינג האַלט אַז יידיש האָט רעלאַטיוו פֿרי אָנגעוואָרן דעם פֿאָנאָלאָגישן פּראָצעס וואָס מאַכט בטל שטימיקײַט וואָרט־אויס (צי טראַף־אויס). ער לייגט פֿאָר אַז צענטראַל־מזרח ('פּויליש') יידיש האָט ערשט שפּעטער ווידער אַרײַנגענומען דעם כּלל פֿון בטל מאַכן שטימיקײַט ווי אַ פּועל יוצא פֿון מערבֿדיקער השפּעה.

לסוף אַ ביבליאָגראַפֿישער ענין אין דער פּרשה *מראה הכּתבֿ*: בערך אין דער זעלביקער צײַט (ד"ה אַרום 1717) איז אַרויס דער *מראה הכּתבֿ* מיט אַ צווייטנס נאָמען — הר"ר עבר במהו"רר פּתּחיא ז"ל מק"ק אונגריש ברודא (זע שטיינשנײַדער 1849: 13). טשיקאַווע איז וואָס אין די ביידע ביכער טרעפֿט מען די נעמען „עבר" (= עבֿר?) און „פּתּחיא" (צי „פּתּחיה") אין דער רשימה פּרט־נעמען וואָס געפֿינט זיך אין בוך (זע אונטן 6.4§). אין דער „מאַנש אויסגאַבע" טרעפֿט מען:

[...] סענדר עקיבֿא עוזר עזריאל עבר פּרץ פּתּחיה פּנחס פּסח [...]

(ז' [5])

אין עבר בן פּתּחיאס אויסגאַבע טרעפֿט מען

[...] סענדר עקיבֿא עוזר עזריאל עבר פּרץ פּתּחי׳ פּנחס פּסח [...]

(ז' [4])

דעם אַלפֿאַבעטישן סדר היט מען אָפּ נאָר בײַם ערשטן אות. צריך עיון.

## 4.3 די איבערגעבונג פֿון וואַריאַנטן.

ניט געקוקט אויף אַלע פֿאַרלעגעריש־נאָרמאַטיווע באַמיאונגען איז אין זיבעצנטן צי אין אַכצנטן יאָרהונדערט ניט געווען צו האָפֿן אַז אַן איינציקע שפּראַכיקע פֿאָרמע זאָל תּמיד קלעקן אויף פֿאַרשטענדלעכקײַט איבער דער

רײדיקער ייִדישער שפּראַך־טעריטאָריע. אלעזר־זוסמן בן יצחק רודלסום (1749) אין זײַן *מקרא מפֿרש* איבער דער תורה, וואָס איז אַרויס אין אַמסטערדאַם גיט צו פֿאַרשטיין זײַן פּאַטענט דערויף אָט אַזוי אָ:

> אך האב איך צו צייטן איין װארט איף צווייא ארלייא (לשון) פֿר טייטשט. אום דז עז אין איין אנדרי (מדינה) זוא גרעט װערט. אונ' האב דען איין װארט פֿון די"א בידי אך צװישן צװיי האלבי (לבֿנת) איין גרינגלט.

אין ר' אלעזר־זוסמנס סינאָנימיק געפֿינט מען למשל *אום גזוענד* — *פֿר קערט*; *אום הענג* — *גארדינן* ('פֿאָרהאַנגען'); *אקסל* — *שולטר*; *גהיימן* — *פֿר בארגני*; *גזיינן* — *קינד בעטרן*; *היט* — *בזוארט*; *לעפּצן* — *ליפּפּן*; *מויאר* — *וואנד*; *פאשטן* — *בייא שטידלן* ('מזוזות'); *פֿר זוכן* — *פֿראבירן*; *פֿר פֿליצן* — *איבר שטראמן* ('פֿאַרפֿלייצן'); *צו ריסן* — *פֿר צוקט*; *קערן* — *װענדן*; *שטעטיגליך* — *אלי צייט* ('אַלעמאָל'). די ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿיע וועט שטאַרק געניסן פֿון אַ לינגוויסטישער און סאָציאָלינגוויסטישער פּרט־שטודיע איבער ר' אלעזר־זוסמנס ספֿר, ווי ס'האָט שוין ריכטיק באַמערקט נח פּרילוצקי (1930: 146) מיט זעכציק יאָר צוריק.

הייות ווי אין די פֿאַרשידענע דרוקן פֿונעם *תינוק קטן* איז די איבערגעבונג פֿון וואַריאַנטן טייל פֿון אַ פּראָצעס וואָס האָט זיך אָפּטמאָל אויסגעלאָזן מיט דער באַזײַטיקונג פֿון ביידע און דאָס דערלאַנגען דעם באַנוצער אַ דריטע אייבערדיאַלעקטישע ברירה, ווערט עס באַהאַנדלט אין דער פּרשה אייבער־דיאַלעקטישע לעקסיקאָגראַפֿיע (§5.1).

## 4.4 דיאַלעקטאָלאָגיע ממש.

די עלטערע ייִדישע שפּראַך־פֿאָרשונג האָט זיך ניט איבעריקס פֿאַראינטערעסירט מיט די אינעווייניקסטע אונטערשיידן אין תחום פֿון ייִדיש גופֿא. סײַ די קריסטלעכע פֿאָרשער סײַ די ייִדישע האָבן בדרך כּלל פֿאַררעכנט דעם מין ייִדיש וואָס איז זיי געווען אַממערסטנס באַקאַנט פֿאַרן מוסטער פֿון דער ייִדישער שפּראַך בכּלל. דאָס הייסט ניט אַז מ'האָט זיך איינגערעדט אַז אומעטום רעדט מען ייִדיש אויף איין שטייגער נאָר וואָדען די אינעווייניקסטע דיאַלעקטישע סטרוקטור

פֿון יידיש האָט מען ניט געהאַלטן פֿאַר אַ טעמע וואָס ס'איז כּדאַי זיך אַרײַנצולאָזן אין איר. אַפֿילו בוקסטאָרף (1609: 652, 658) האָט זיך באַנוגנט מיטן אָנווײַזן אַז ס'איז פֿאַראַן עפּעס אַ חילוק צווישן דעם יידיש פֿון די דײַטשישע יידן און די פּוילישע יידן, דער עיקר מיט דעם וואָס די „פּוילישע יידן ריידן מיט אַ זינגעוודיקן טאָן". קרייזאַנדער (1750: 8) ברענגט דאָ און דאָרט וואַריאַנטן, אַשטייגער Af, Ette, Tette אויף 'טאַטע'; belzel, bilzel אויף 'מיידל' און Buhr, bour אויף 'ניט־געלערנטער'.

דער ערשטער דיאַלעקטאָלאָג פֿון יידיש, ווי ס'האָט שוין אָנגעווויזן מאַקס ווײַנרײַך (1940ב: 103) איז קאַרל ווילהעלם פֿרידריך וועלכער האָט אין זײַן *Unterricht* (1784) פֿאָרגעלייגט אַ קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די יידישע דיאַלעקטן (זז' 48-52). אַ ביסל מאַטעריאַל צו פֿרידריכס אייגענעם יידיש (צפֿון איבערגאַנגס־יידיש) איז געבראַכט געוואָרן אויבן, §3.5. און אַ סך־הכּל מיט ווײַטערדיקע ביבליאָגראַפֿישע אָנווײַזונגען קען מען געפֿינען אין קאַץ 1988ב: 43-53. דאָ וועט קלעקן צו ברענגען עטלעכע דוגמאות. טייל אָבזערוואַציעס פֿרידריכס זײַנען אונדז במילא גוט באַקאַנט פֿון דער נײַער יידישער פֿילאָלאָגיע, געדענקען דאַרף מען אַז פֿרידריך האָט זיי אַרויסגעגעבן אין 1784. ער פֿאַרגלײַכט למשל דעם ō, ōə פֿונעם אייגענעם יידיש מיטן ā, a פֿונעם שוואַבישן יידיש (פֿאַרשטיין קענען מיר דאָס ווי אַן אָנווײַז אויפֿן דרומדיקן מערבֿ יידיש בכלל), ד"ה וואָקאַל 13. אויף אָבֿ (דער חודש), האָבן (אינפֿיניטיוו), וואָס און רבֿ קען פֿרידריך פֿון זײַן צפֿון איבערגאַנגס־יידיש ow (ז' 16), hôben (ז' 60) Woes (ז' 51) און row (ז' 34) בעת אין דרומדיקן מערבֿ יידיש הערט זיך, דערציילט ער, aw, habe, Was, raw.

אין תּחום פֿון וואָרט־אוצר זײַנען פֿרידריכן געווען באַקאַנט אַזעלכע וואַריאַנטן (דאָס ערשטע וואָרט אין יעדן פּאָרל איז פֿון פֿרידריכס יידיש, דאָס צווייטע פֿונעם „שוואַבישן" יידיש): dawenen — oren (ז' 94); mechile beten — breien (ז' 68); Seide — Herle (ז' 75); Voter\Täte — Ete (ז' 76); Zider — tefile (ז' 94). מער אַ חידוש איז וואָס פֿרידריכס Schaufet ('שופֿט') הייסט אין „שוואַבישן" יידיש Poked ('פּקיד', ז' 89). ער גיט דעם לייענער צו וויסן אַז poretz ('פּריץ') זאָגן פּוילישע יידן בעת אַנדערע זאָגן Zerore ('שררה', ז' 32). אויף Boersch ('באָרשט') זאָגט מען אין גרויס פּוילן Perschge (ז' 87). אויף

Jauech זאָגט מען אין קלײן פּױלן Sup (ד' 103). זאָל עס קײן שלעכטער סימן ניט זײַן װאָס מיר פֿאַרענדיקן דעם פּאַראַגראַף מיט געאָגראַפֿיש דעלימיטירטע ייִדישע קללות װאָס פֿרידריך (ד' 81) ברענגט. צום פּראָגער ייִדיש און צום ייִדיש פֿון דער עסטרײַכישער מלוכה שרײַבט ער צו Enaserner Loden soll dich bedekken ('אַן אײַזערנער לאָדן זאָל דיך באַדעקן') און Es soll Groes far dahn Thier wachsen ('עס זאָל גראָז פֿאַר דײַן טיר װאַקסן'). צום ייִדיש אין שװאַבן װערט צוגעשריבן Dass du den Tipel kriegst ('זאָלסט קריגן דעם תּיפּול' = די פֿאַליקע\עפּילעפּסיע). דערבײַ באַמערקט ער אַז די היגע ייִדן (ד"ה אין פּרײַסן) זאָגן nachpe ('נכפּה') אַנשטאָט Tipel אױף דער פֿאַליקע און פֿאַרזיכערט אַז די זײַנען בײדע טײַטש דאָס זעלביקע.

## V
## אײבערדיאַלעקטישע לעקסיקאָגראַפֿיע

אין דער עלטערער ייִדישער שרײַב־שפּראַך האָט געװועלטיקט אַ געװיסע מאָס סטאַנדאַרדיזירטקײַט װאָס איז געװאַקסן ניט פֿון פֿילאָלאָגן און נאָרמאַליזירנדיקע אַקאַדעמיעס נאָר פֿון דעם אינעװײניקסטן סאָציאַלן כּוח פֿון װעלכן ס'נעמען װאַקסן כּלל־שפּראַכן: די זוכעניש צו פּרעסטיזש און די באַדערפֿעניש פֿון פֿאַר־שטענדלעכקײַט אין מרחקים (זע קערלער 1988). אַז אַ פֿירטער פֿאַרלעגער װאָלט געלאָזט דרוקן ייִדישע ספֿרים און ביכער פֿון אַ גאַנץ יאָר אױפֿן יסוד פֿונעם צענטראַל־מערבֿדיקן ייִדיש, װי ס'האָט געטאָן למשל יוסף הערץ (1828) אין זײַן אסתּר איבער ליטעראַרישע, משׂכּילישע און הומאָריסטישע טעמים װאָלט דאָס דער דורכשניטלעכער ייִד אין אַמסטערדאַם און מכּל שכּן אין װאַרשע אין די הענט אַרײַן ניט גענומען. הײסט דאָס אַז דער דרוק צו אַל־אײראָפּעאישער ייִדישער כּלל־שפּראַכיקײַט איז אַ פּרימערער גורם צו סטאַנדאַרדיזירונג פֿונעם געשריבענעם ייִדיש פֿון זינט די 1540ער װען ס'האָט זיך גענומען פֿונאַנדערבליִען די ייִדישע ביכער־פּראָדוקציע (זע למשל מ. װײַנרײַך 1940א: 39-43).

## 5.1 דער *חינוך קטן*.

אַ גאָר אינטערעסאַנטע לאַבאָראַטאָריע פֿונעם פֿאַרלעגערישן איַינפֿאַל צו ברענגען דיאַלעקטישע וואַריאַנטן אָדער גאָר פֿאַרקערט, דיי אינגאַנצן אויסצומיַידן דורך וויניק באַנוצטע אָבער אומעטום פֿאַרשטאַנענע „פֿאַרעווע" ווערטער איז דער אַנאָנימער העברעאיש=יידישער ווערטערבוך *חינוך קטן* (זע אויבן §2.3.3; פֿגל' שמערוק 1981: 111). אַ צאָל באַלערעוודיקע אונטערשיידן וויַזן זיך אַרויס בײַם פֿאַרגליַיכן די אויסגאַבעס קראָקע 1640, אַמסטערדאַם 1658, דעסוי [1696-1704], יעסניץ [1719-1726], אַמסטערדאַם 1761 און פֿירט (אָן אַ יאָר). שוין אין קראָקאָווער *חינוך קטן* פֿון 1640 ווערן דאָ און דאָרט געבראַכט צוויי יידישע ווערטער אויף אַן איינציק לשון קודש וואָרט. דאָס צווייטע יידישע וואָרט געבראַכט מיט אַ י״א = יש אומרים 'מ'זאָגט (אויך)' אָדער פשוט מיט אדר. אודר = 'אָדער'. למשל: *הלטאה — אילטס* י״א *עגדש; שומן — שמלץ אדר פֿעץ; שלך* — *ראגיר אדר ראבר; תנוך — אור לעפל אודר קנערפל; תנשמת — מולט וואַרף* י״א *קאלב שארץ*. אין דער אויפֿלאַגע אַמסטערדאַם 1658 ווערן ווידער געבראַכט די וואַריאַנטן מער ניט מיט אָרטאָגראַפֿישע, פֿאָנאָלאָגישע און מאָרפֿאָלאָגישע שינויים. אַשטייגער *עגדיס* אָנשטאָט *עגדש, פֿעט* אָנשטאָט *פֿעץ, מולט וואורף* אָנשטאָט *מולט וואַרף*.

בײַ אַנדערע ווערטער וואו קראָקע 1640 ברענגט נאָר איין וואָרט — דעם מזרח=יידישן וואַריאַנט — איז אַמסטערדאַם 1658 מ ו ס י ף דאָס מערבֿ=יידישע וואָרט בכּדי דעם *חינוך קטן* זאָל מען נוצן בכּל תּפֿוצות אַשכּנז (זע קערלער 1988: 48-49). די איבערדיאַלעקטישע רעדאַקציע אין אַמסטערדאַם 1658 לאָזט זיך זען אין די דוגמאות וואָס ווערן געבראַכט אין דער טאַבעלע נ' 1.

אַנדערשוואו ווערן די מזרח=יידישע פֿאָרמען פשוט מאָדיפֿיצירט, למשל *גיפרעגילט* ווערט מגולגל אין *גיברעגילט*, *העננטשקס* ווערט *הנטשוך*. דעסוי [1696-1704] און יעסניץ [1719-1726] זיַינען איבערגעדרוקט געוואָרן לויט אַמסטערדאַם 1658 און ברענגען די זעלביקע וואַריאַנטן. אַ נײַע רעדאַקציע זעט זיך אין אַמסטערדאַם 1761 לויט וועלכן דער שפּעטערדיקער פֿירטער נוסח איז אויך צוגעגרייט געוואָרן.

דער רעדאַקטאָר פֿון אַמסטערדאַם 1761 האָט אַפֿנים ניט געוואָלט וויסן פֿון

טאַבעלע 1:

די איבערדיאַלעקטישע רעדאַקציע
אין אַמסטערדאַמער חינוך קטן

| לשון קודש | קראָקע 1640 | אַמסטערדאַם 1658 |
|---|---|---|
| אבי זקני | מיין זידה | זידה הערלי |
| אדרת | קאַץ | קאַץ דעק שטרימפּ |
| אמי זקנתי | מיין באבא | באבא פּראלי |
| בלט | במעלך | במעליך אודר לנצום |
| דודי | מיין פֿעטר | פֿעטר אונקל |
| דודתי | מיין מומה | מומה מימלה |
| התפלל | דאבֿן | דאבֿן אודר אור |
| חלב חטים | קראכֿמל | קראכֿמל שטייפסיל |
| סינר | פֿרטוך | פֿארטוך שערצטוך |
| ענקים | קאלנר | קאלנר קרעגין |
| צמוקים | ראזינקס | ראזינקס ווייַנפרלך |
| שוק | רינג | רינג אודר מרק |

קיין חכמות, ער איז געווען ווי מיר וואָלטן זיך הײַנט אויסגעדריקט מער נאָרמאַטיוויסטיש געשטימט איידער דיאַלעקטאָלאָגיש אָריענטירט (זע אונטן §5). אַזוי אַרום האָט ער אָדער אויסגעקליבן איינעם פֿון די פֿאַראַנענע וואַריאַנטן, אַמאָל פֿון מזרח אַמאָל פֿון מערבֿ (למשל: *אילטעס, מארק, מימלה, פֿעטער*), אָ ד ע ר גאָר ביידע באַזײַטיקט און דערלאַנגט אַ דריטע מעגלעכקײַט וואָס האָט אים אויסגעזען מער נייטראַל. אַנשטאָט *זידה* צי *הערלי* טרעפֿט מען *עלטר פֿאטר*; אַנשטאָט *באבא* צי *פּראלי*: *עלטר מוטר*; אַנשטאָט *ראזינקס* צי *ווייַנפרלך*: *ראזיינן*.

## 5.2 עטיאַשעס פֿאַרזיכֿערונג.

דער פֿאַרלעגער יוסף עטיאַש (1679) האָט פֿאַרזיכֿערט אין דער הקדמה

זײַנער צו ווײַצנהויזנס תּנ״ך־איבערזעצונג (זע אויבן ‎§2.1.4) אַז דער ייִדיש איז ניט עפּעס קיין לאָקאַל־אַמסטערדאַמער ייִדיש, נאָר וואָדען ער האָט אָנגעשטעלט ר׳ שבתי באַסן די שפּראַך צו דעדיאַלעקטיזירן. אַט בזה־הלשון גיט דאָס עטיאַש צו פֿאַרשטיין:

> בכּן הקרה ה׳ לפֿני האלוף התורני כהר״ר שבתּי משורר באס מק״ק פראג· איש תם וישר· ירא אלהים וסר מרע· איש חכּם ונבֿון· יודע כמעט כל הספֿרים שלנו· גלייך אז ויא מאן וואול זעהן קאן אן זיינם ספֿר שפֿתי ישנים דאש ער האט מחבר גיוועזן· דא האב איך מיך משמח גיוועזן כמוצא שלל רב· דאש איך אזא איינן מאן האב גיפֿונדן דער דא אייך וואול בקי איז אין דען לשונות [ד״ה די י י ד י ש ע דיאַלעקטן — ה״ד. ק.] פֿון דען מדינות פיהם· מערהרן· איסטרייך· פולן· אינ אשכנז· דער ווארטן דאש מאן עש אויבר אל וואול זאל קענין פֿאַר שטין] אינ׳ קייני ווערטיר אין דיזם ספֿר גיברויכֿט דיא היא אין הולאנד אודר פֿריז לאנד מירגל ויינן· דען מאן פֿאַר שטיט זיא אנדערש וואו ניט· אונ האב אים וואול ביצאלט· דאש ער האט אן גינומן דיא העתקה פֿון דיזם ספֿר הנכֿבד צו אויבר לייאנן· מיט המעתיק כהר״ר יוזלן וויצן הויזן הנ״ל [...]·

## VI

## ספּעציאַליזירטע לעקסיקאָגראַפֿיע

### 6.1 סעמיטיזמען.

דעם טערמין *סעמיטיזמען* נוצן מיר אויף צו באַצייכענען י י ד י ש ע איינסן וואָס שטאַמען פֿון לשון קודש אָדער אַראַמיש, ד״ה פֿון סעמיטישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש; אַזוי אַרום ווערט באַפֿרײַט דער איצט־אַמביוואַלענטער טערמין *העבראַיזמען* אויף צו באַצייכענען אַרײַנמישונג פֿון העבראַישע פֿאָרמען וואָס זײַנען סינכּראָניש גערעדט ניט קיין ייִדיש. פּאַראַלעל איז די דיפֿערענצירונג צווישן ג ע ר מ אַ נ י ז מ ע ן (ייִדישע פֿאָרמען וואָס שטאַמען פֿון פֿאַרשידענע מיטלעלטערלעכֿע דײַטשישע דיאַלעקטן און זײַנען סינכּראָניש גערעדט י י ד י ש) כנגד ד ײַ ט ש מ ע ר י ז מ ע ן אין פּאָפּולערן זין (זע אונטן ‎§6.3). אין חיים בן מנחם מאַנשעס *מראה הכּתבֿ* (1717±) (זע אויבן ‎§4.2) ווערט אויך געבראַכֿט אַ

קליין ווערטערביכל פון סעמיטיזמען, בתוכם: *התחדשות* — וואָס נייאַש, *יקרות* — טייאַרונג, *כזבן* — ליגנער, *מתפאר* — ברימער, *סרסרות* — מעקלערייאַ, *שבשן* — גריזער.

אויך אין ליאָן דאָרס (1844) בריוון *שטעללער* ווערט געבראַכט אַזאַ מין ווערטערביכל. היות ווי זיין תוכן איז ניט איבעריקס אינטערעסאַנט, איז מער אויפן אָרט אַ ציטאַט פונעם וואָרט־פריער זיינעם.

> דיא אין אונזער אידעש דייטשע שפראַכע, פאַללען פיל העררין זוערטר און רייד פון לשון הקודש, אין ווייבש פערזאנען, מאמזעלען, מיידלעך, זיינען דאך געוויס ניט געוואוינט צום אויסלייגען, זעלבע לשון קודש ווערטער, האב איך מיט פלייס נאך דעם (אלפא בית) געמאַכט, דאש מעהרער ווערטער. יעדער וואָרט וועלכער זייער נייטיג איז אין ריידין, אונ נייטיג וועט זיין אין אויסלייגען, צום ביי שפיל (אפשר) (אפילו), מוז מען גיין צו די ווערטער פון א׳ [...]

וועגן אַט דעם זייער טשיקאַוון משכיל און זיינע אויפטוען פאַר דער יידישער פילאָלאָגיע זע קאַן (1926). אַגב איז די ערשטע אויפלאַגע פון בוך אַפּנים אַרויס אין 1826 (זע ריידען 1927: 111; פגל׳ אויך שטיף 1932: 2).

## 6.2 אינטערנאַציאָנאַליזמען.

ניט מיט קאַרלינערס (1910) *פרעמד־ווערטערבוך*, וואָס באַראָבאָוו (1913: נ׳ 344) האָט געפסקנט: „אָן אַ גרענעץ איז די פעאיקייט פון עם־הארצים צו פראָדוצירן שמאַטעס" הייבט זיך אָן די געשיכטע פון יידישע ווערטערביכער פון אינטערנאַציאָנאַליזמען. דער וויכטיקסטער ווערטערבוך פון דעם מין אין דער עלטערער ליטעראַטור געפינט מען אינעם *חנוך לנער* וואָס ס׳האָבן זאַלבעדריט אַרויסגעגעבן די שותפים צבי־הירש שעברשין, משה בענדין און יוסף מאַרשן (1713) אין אַמסטערדאַם. אָט וואָס ס׳זאָגן די מחברים:

> 51 ביז 68 זיין אלירלייא | זוא לאטיינשי איטאליענשי פראנצעזישי אונ׳ אנדרי פרעמדי ווערטר. וועלכי פיל אונטר סוחרים אינ׳ נאך פיל מער אים שרייבן געברויכט ווערן. אויך אונמיגליך דז מיר דיא אלי שטעלן קענן: מן העט דינשט איין גנץ גרייש דיק בוך דר צו ניטג. אליין מיר האבן גישטעלט זעלכי ווערטר דיא גנץ גימיין אונ׳ אין בריב שרייבי גאר אופט פאר קומי. מיר האבן דיא אויך גישטעלט נאך דאש א׳ ב׳

כסדר בדי מן מיט ויינג טרחה דז טייטש פֿון איין יעדר ווארט מיד פֿינדן קאָן: ע״כ ווערט אזי פֿר ליב גנומן אונ׳ ברייבֿי עש מיט לישט אינ׳ פלאויר. אינ׳ ויא אייך דינגט דיא ווערטר היא אונ׳ דא ויי ניט זאול בוכֿשטאבירט אודר גיטראכֿט. זוא דייט אונז דן לכף זכות דען יעדר מדינה האט איין בזונדרי אויש שפרוך. אינ׳ דא צו אים דיא קליינהייט דיזש ביכֿליין האבן מיר פֿיל ווערטר מוזן דרויש לאזן:

אינעם ווערטערבוך גופֿא געפֿינט מען למשל דאָקומענט — שריפֿטליך אקורד, בזוייז; טראַנספּאָרטירן — איבר טראגן פֿון איין אורט אויף דז אנדרי; פּראָטעסטירן — דר ווידר רידן; פּרעזענטירן — עטוואש אודר זיך זעלברט פֿאר שטעלן; קאָנפֿירמירן — בישטעטיגן; קאָרעספּאָנדענץ — פֿריינטליכֿי בריבֿ ווערקסילונג; רעדוצירן — אין דיא קארצי ציהן; ספּעציפֿיצירן — יעדרש בזונדר אן צייגן.

אין 1765 איז אַנאָנים אַרויס אין נירנבערג אַ גאַנץ ווערק מיט אינטערנאַציאָנאַליזמען וואָס טראָגט דעם נאָמען: האנד לעקסיקאָן אודר זאמלונג איינר מענגי לאטייניש פֿראנצעזישר אונ׳ איטאליענישר ווערטרן וועלכֿי צום געבראַוך דער קאָרעספּאָנדענץ אונ׳ לעזונג דער ביכֿרן אונ׳ צייטונגן הויבט זעכֿליך צום נוצין דער לעהרלאַזין יוגנט. פֿון איינס שרייב ערפֿאהרנן וואול עקסאַמינירנד הערויז געגעבן ווארדן. לויט אינעווייניקסטע סימנים דאַרף דאָס זיין אַן „אַדאַפּטירונג" פֿון אַ דייטש־געשריבענעם אָריגינאַל (די אינטערנאַציאָנאַליזמען, וואָס ווערן געגעבן אין יידישן אַלף־בית פֿאָלגן דעם אַלפֿאַבעטישן סדר פֿון זייערע לאַטיין־געשריבענע עקוויוואַלענטן). אָט זיינען עטלעכע דוגמאות פֿון בוך: אינקווירירן — נאך פֿארשן; אקאמפאגנירן — בגלייטן; אקקופירן — איין נעהמן; ברוטאל — גראב; דיסטריבואירן — אויז טהיילן; דיסקרעט — בישיידן; נעגירן — לייגנין; סערווירן — דינן; עפֿעקט — ווירקונג; קאנטריבואירן — בייא טראגן; שטימולירן — אן רייצן.

## 6.3 דײַטשמעריזמען.

הײַנט צו טאָג האָט דאָס וואָרט דײַטשמעריש אַ סאָציאָלאָגישן פּשט, דהײַנו 'ווערטער אין יידיש וואָס שטאַמען פֿונעם מאָדערנעם דײַטש און וואָס טויגן ניט צו אַ גוטן יידיש'. ניט אַזוי לאַנג צוריק, היסטאָריש גערעדט, סוף נײַנצנטן אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, בפֿרט אָבער לויט דער השגה פֿון אַ ריי רעדאַקטאָרן

און שרײַבער זײַנען דאָס געווען ווערטער וואָס מען דאַרף גאָר אַרײַנפֿירן אין ייִדיש. אַזוי צי אַזוי איז די מאָס אַ סוביעקטיווע. פֿאַרן סאָציאָלאָג זײַנען אָט די אַלע מיינונגען העכסט אינטערעסאַנט ווי רויוואַרג אויף וועלכן ס׳בעט זיך אַן אַנאַליז. פֿאַרן לינגוויסט מוז אָבער זײַן אַן אָביעקטיווער טײַטש וואָס שפּיגלט אָפּ געוויסע עמפּירישע פֿאַרהעלטעניש וואָס לאָזן זיך באַשײַמפּערלעך דערווײַזן. אָט אַזאַ מין טײַטש קען מען טענטאַטיוו פֿאָרלייגן: דײַטשמעריש זײַנען די אַלע פֿאָרמען וואָס זײַנען אין וועלכן ניט איז נוסח ייִדיש אַרײַנגענומען געוואָרן פֿונעם קאָטעמפּאָראַלן דײַטש להיפּוך צום גערמאַנישן חלק אין ייִדיש וואָס איז פֿון דור דורות איבערגעגעבן געוואָרן בירושה פֿון דער קדמון־ייִדישער תּקופֿה (זע קאַץ 1988א: xxxii - xxxiv). אַזוי אַרום קען דער לינגוויסט קלאַסיפֿיצירן אַ ווערטערבוך פֿון דײַטשמעריש ניט געקוקט אויף דעם צי דאָס איז אַ רשימה פּסולס צונויפֿגעשטעלט פֿון אַ ייִדישן שפּראַך־פּוריסט צי אַ רשימה רעקאָמענדירטע ווערטער וואָס אַ משׂכּיל האָט מיט קאַרגע צוויי הונדערט יאָר צוריק אַרויסגעגעבן. מסתּמא אַרום 1800 איז טאַקע אַרויס דער אַנאָנימער אומדאַטירטער *דייטש העברעשער לעקסיקאָנג ענטהאלטענד אללע ווערטער דער דייטשען שפראכע דיא נור איינינגער אממטען אין לשון עברית אויש געדריקט ווערדען קענען.* צום גערבײַך דער ייִדישער שולען. ניט געקוקט אויף דעם וואָס דער העברעאישער טיטל פֿון בוך איז *נתיב לשון עברית לתועלת ילדי בני ישראל החפצים ללמוד שפת עברי* איז קלאָר אַז איין עיקרדיקער תּכלית פֿונעם בוך, פּונקט ווי פֿון מענדעלסאָנס ביאור, באַשטייט אין אויסנוצן דעם באַקאַנטן ייִדישן אַלף־בית און באַקאַנטע ייִדישע אָרטאָגראַפֿישע רגילותן בכּדי צו פֿאַרשפּרייטן די ווייניק באַקאַנטע ד ײַ ט ש י ש ע שפּראַך.

## 6.4 נעמען.

די עלטסטע אויפֿגעהיטע סיסטעמאַטישע רשימות נעמען וואָס זײַנען כּולל אויך ייִדישע נעמען געפֿינט מען אין די מעמערביכער צום ערשטן קרייצפֿאָר אין 1096 (זע זאַלפֿעלד 1898, בפֿרט זז׳ 386-418). מ׳טרעפֿט למשל בילא (׳ביילע׳), גלדא (׳גאָלדע׳), יינטיל (׳יענטל׳) און שניאור. וועגן די מסקנות וואָס די ייִדישע פֿילאָלאָגיע דאַרף אָפּלערנען פֿון אַזעלכע מאָנומענטן איז שוין ניט איין מאָל געקומען צו רייד (זע למשל שיפּער 1924; קאַץ 1982: 44-45). פֿון די שפּעטער־

דיקע אָנאָמאַסטאָלאָגישע ווערק איז אויסערגעוויינטלעך וויכטיק שמחה בן גרשון הכהנס (1657) ספֿר שמות, אויף וועלכן ס'האָט מיר אָנגעוויזן פּראָפֿ' שמעון


אות בית:
ברױבא
בלוכה בונלין ברונלין
ברױ'נלין
ברוינלן
באהאדנא
ברענדלין בולכן בלשון
ברױנדל
בילקווה
באלנושא
בונה
בת שבע

אַ זײַטל פֿון שמחה בן גרשון כהנס ספֿר שמות, 1657 (זע 6.4§).

אַבראַמסקי. דאָס נאָרמאַלידירן נאָך זאָרגעוודיקער באַטראַכטונג יידישע נעמען און צונעמען איז אין משך פֿון יאָרהונדערטער אַ נויטווענדיקייט ביי רבנים, בפֿרט ביים אויסשרייבן גיטין. פֿאַראַן אין דעם ספֿר אַ סך גענויע דיסקוסיעס איבערן אָפּשטאַם און איבער דער שרייבונג פֿון יידישע נעמען, בתּוכם די מענערישע נעמען *זעקיל*, *סענדר*, *שעפּסל* און די פֿרויאישע נעמען *זיסל*, *זלטא*, *זלפּא*, *זעלדא*, *מינד*. אויך וועגן חילוק צווישן ענלעכע נעמען, אַשטייגער *מיכאל* און *מיכל*, *מענליא* און *מענלין*. אַט דער ספֿר, וואָס ווערט אויף זיין גואל, פֿאַרמאָגט אַן אוצר מיט מאַטעריאַלן. רשימות פֿון אָרטאָגראַפֿיע־וועגן, ד"ה בכדי צו קומען צו הילף דעם פּשוטן פֿאָלקסמענטשן, ער אָדער די זאָל קענען ריכטיק אויפֿשרייבן אַ יידישן נאָמען טרעפֿט מען אין עלטערע יידישע לערנביכלעך. אַט למשל אין דער רשימה פֿרויען־נעמען ביי חיים בן מנחם מאַנש (±1717) אין זיין *מראה הכּתב* (זע אויבן §4.2, §6.1) טרעפֿט מען *אידל* ('איידל'), *בילא* ('ביילע'), *בינא*, *בריינדל*, *גאלדא*, *גיטל*, *גליקל*, *גנענדיל*, *דאברש*, *הינדל*, *הענדל*, *זאלדא*, *זיסל*, *מיילא*, *מירל*, *מעריל*, *סעריל*, *עלא*, *פעסיל*, *פעריל*, *פֿיגלא*, *פֿיילא*, *פֿרומט*, *פֿריידל*, *קרינדל* ('קריינדל'), *רעכל*, *שינדל* ('שיינדל').

אויך אין דייטשישע לערנביכער פֿון יידיש איז פֿאַראַן מאַטעריאַל צו יידישע נעמען, אַשטייגער ביי אָפּענהיימערן (1731: 9) וואו ס'ווערט געבראַכט אַ רשימה פּרט־נעמען און נעמען פֿון שטעט אויף צו העלפֿן דעם ניט־יידישן סוחר ער זאָל קענען דערגיין וואָס ס'טוט זיך ביי זיינע יידישע קאָלעגן. וועגן פֿרידריכס (1784) דיאַלעקטאָלאָגישער שטודיע איז שוין געקומען צו רייד (זע אויבן §3.5, §4.4). דאָ איז נאָר שייך צו פֿאַרצייכענען אַז ביי פֿרידריכן (1784: xvi) איז פֿאַראַן אַן אינטערעסאַנטע רשימה נעמען, בתּוכם Oren ('אהרן'), Wolef ('וואָלף'), Dobresch ('דאָבריש'), Merjem und Marjem ('מרים'). אויך אין ליאָן דאָרס (1844: 1-4) *בריפֿען שטעללער* (זע אויבן §6.1) ווערט געבראַכט אַ רשימה נעמען. צו דער טעמע אַשכּנזישע נעמען איז אומבאַדינגט נייטיק צונצעס (1837) קלאַסיש ווערק (בפֿרט זז' 54-79, 83-99). ביבליאָגראַפֿיע געפֿינט מען ביי זינגערמאַנען (1977: 45-58, 60-64, 66, 67).

XVI Anhang zum Ersten Theil.

Von den eigentlichen Namen der Manns und Frauenspersonen.

No. 11. §. 1.

**Mannsnamen.**

A

Ahren
Arie
Awrer
Awrohm

B

Beer
Berachje
Bendet
Binjomen.
Borech

D

Daniel und Deniel
Don.
Dowed.

E

Eisek.
Esre.

F

Falek.

G

Gawriel.
Gedirl.
Gedalje
God.
Graunem.

H

Henech
Herisch
Herz

J

Jzek

K

Kalme Kalmen.
Klaunemes.
Kos.

L

Leib
Leiser
Lesel
Leiwe
Liebermann.
Liepmann.

M

Mann, Mausche
Menasche
Meyer
Morreche

N

Nachme, Nachimen
Naftole.
Nechemje.

O

Oren.
Oscher

P

Paltiel.
Perez.
Pinches

R

Refuel
Ruwen

S

Salme, Salmen.
Sanwel.
Sacharje
Selig.
Sorech.
Susmann
Schemaje
Schlaume.
Scholem.

T

Tauwje
Treytel.

U

Usiel
Ure.

W

Wolef

Z

Zefanje.
Zewi
Zodek.

No. 12. §. 2.

**Frauensnamen.**

B

Beile
Bilie
Blümche
Breynche

D

Dache
Dewaure
Diene
Dobresch.

E

Edel
Eike
Ester

F

Faugel
Feiche
Feile
Frumet

G

Gelle
Ginendel
Gietel

H

Henne
Hinde

J

Jente
Jeurche
Jite.

K

Keile

L

Leie
Liebe

M

Mate
Mindel
Mirel
Meriem und Marjem

N

Nachme
Neuche

P

Perel
Peise

R

Rause
Rey.nel
Reichel
Retiel
Reize.
Riwke.

S

Selle
Scheinche
Scheindel, Scheinedelche
Silpe

T

Taube
Toize
Treine

V

Vogel

Z

Zerche
Zereuze

NB. Alle in den Mannsnamen befindliche ch werden hart, wie das ch in lachen ausgesprochen.

די רשימה יידישע נעמען אין פרידריכס *Unterricht*, 1784 (זע §6.4).

## VII
## אויפֿגאַבן אויף להבא

ווערטערביכער פֿאַר זיך קענען זײַן טרוקן און נודנע, נאָך מער ווען זיי ווערן אָן זייער ממשותדיקע ניצלעכקײַט אין גאַנג פֿון דער צײַט. ערשט נאָכן אָפּלעבן זייער לעבן בתורת טאָג־טעגלעכע הילפֿס־ביכער זײַנען זיי עלול אויפֿצושטיין תחית המתים בײַם פֿאָרשער פֿאַר וועמען ס׳קען זיך אין זיי אַנטפּלעקט ווערן אַ וועלט מיט נײַעסן איבערן ווײַטן עבֿר פֿון אַ שפּראַך. ווען איז דאָס געדעדט געוואָרן, ווען זיי שטעלן מיט זיך פֿאַר גוטע מלאָכה און אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל מלכתחילה. דער דופֿאַר על רגל אחת איבער אונדזער עלטערער לעקסיקאָגראַפֿיע איז נאָר אויסן צו דערווײַזן מיט דוגמאות וויפֿל יידיש דורך די דורות ס׳ליגט פֿאַרבאָרגן אין די פֿאַרשטויבטע יידישע ווערטערביכער וואָס ווערן אויפֿגעהיט דער עיקר אין די מערבֿ־אייראָפּעאישע ביבליאָטעקן.

פֿון דעם אַלעמען איז צו דרינגען וואָס אונדז פֿעלט, צו וואָס די היסטאָרישע יידישע לעקסיקאָגראַפֿיע דאַרף שטרעבן:

(א) אַן אויסשעפּיקע ביבליאָגראַפֿיע פֿון אַלע ווערטערביכער וואָס זײַנען כולל יידיש פֿון די אָנהייבן ביז יהושע־מרדכי ליפֿשיצן און אַלכּסנדר האַרקאַווין;

(ב) פֿאָטאָמעכאַנישע איבערדרוקן פֿון די קלאַסישע ווערק פֿון דער יידישער לעקסיקאָגראַפֿיע;

(ג) אַ נײַער כוללדיקער ווערטערבוך פֿון אַלט־יידיש און מיטל־יידיש;

(ד) אַ וואָרט־אַטלאַס פֿונעם עלטערן יידיש אויפֿן סמך פֿון דעם אַלעמען;

(ה) נײַע פֿאָרשונגען צו דער געשיכטע פֿון יידיש לויט דער עווידענץ פֿון דער לעקסיקאָגראַפֿישער ליטעראַטור, וואָס איז דאָך אַזוי אָפֿט אַ מין בריק צווישן לשון שבכתב און לשון שבעל־פּה.

# ביבליאָגראַפֿיע

## הערה

אין דער אַרבעט גופֿא ווערן סטאַנדאַרדיזירט נעמען פֿון מחברים דאָרטן וואו דער עלטערער אויסלייג קען פֿירן צו אַ טעות בנוגע ליינען (דערפֿאַר שלמה־זלמן לאָנדאָן, ניט לונדון). אין זייער תחילתדיקער געשטאַלט ווערן די נעמען געבראַכט אין דער ביבליאָגראַפֿיע מערניט מיטן אויסגעהאַלטענעם באַנוץ פֿונעם רפֿה (אויך בײַ טיטלען). דער אויסלייג פֿון יידישע טעקסטן וואָס זײַנען אַרויס אין און נאָך 1913 ווערט סטאַנדאַרדיזירט. יידישע מחברים פֿון ווערק וואָס זײַנען אַרויס פֿאַר 1800 ווערן געבראַכט לויטן ע ר ש ט ן נאָמען.

[אַבראַמסקי, שמעון]

1981 [Chimen Abramsky], *Important Hebrew and Samaritan Manuscripts from the Collection Formed by the Late David Solomon Sassoon*, Sotheby Parke Bernet: New York.

אבֿרהם בן הר"ר מנחם מנדלי שוואב יצ"ו מק"ק אמשטרדם וחבֿירו הב"ה התורני כה' מאיר בן כהר"ר יעקבֿ מק"ק רידן במדינת וועשט פֿאַליע

1773 ספֿר *מליץ יושר חלק שני*, בדפֿוס אשר הוקם מחדש ע"י כהר"ר ליב זוסמנש יצו: אַמסטערדאַם.

אַווע־לאַלעמאַן, פֿרידריך קריסטיאַן בענעדיקט

1862 Friedrich Christian Benedict Ave-Lallemant, *Das deutsche Gaunerthum in seiner social-politischen und linguistischen Ausbildung zu seinem heutigen Bestande*, III, F.A. Brockhaus: Leipzig.

אייזק אויערבאַך

1730 *ספר באר רחובות*: זולצבאַך.

### אליה הלוי אשכנזי

1541א *מתורגמן*, פױלוס פֿאַגיוס: איסני.

1541ב *ספר התשבי לאליהו התשבי שרשיו כמנין תשבי*, פױלוס פֿאַגיוס: איסני.

1542 *שמות דברים בלשון עברי ובלשון רומיי גם אשכנזי כנגדו מסודרים כסדר אלפא ביתא על ידי המחבר אליה לוי אשכנזי המדקדק לחן ולרצון לכל תלמידי לשון הקדש*: איסני.

### אליקים בהר"ר יעקב

1710 *ספר מלמד שיח* [. . .], ועתה עמד כהר"ר פנחס סופר ומלא מקום אביו והביאו לבית הדפוס: אַמסטערדאַם.

### אלעזר זוסמן בן המנוח יצחק רודלסום

1749 *מקרא מפרש חלק ראשון. חמשה חומשי תורה*: אַמסטערדאַם.

### אַמערסבאַך, ה.

1689 H. Ammersbach, *Neues ABC Buch / Daraus ein Junger Knab / Die nöhtigsten vier Haupt-Sprachen / Ebreisch / Griechisch / Lateinisch / Teutsch* [. . .] *Wobey auch insonderheit Anweisung zu den Rabbinischen Teutschen Büchern und Brieffen / ohne Puncten dieselben zulesen* [. . .], Johann Daniel Müller: Magdeburg.

### [ר' אנשיל]

1534 *מרכבת המשנה*: קראָקע.

### אַפּטראָד, מאַריאָן

1989 Marion Aptroot, *Bible Translation as Cultural Reform: The Amsterdam Yiddish Bible Translations (1678-1679)*, Oxford University D Phil: Oxford.

אסף, שמחה

1947 *מקורות לתולדות החנוך בישראל (מתחלת ימי הבינים עד תקופת ההשכלה)*, IV, דביר: תל־אביב.

אָפּענהײַמער, עבערהאַרט קאַרל פֿרידריך

1731 Eberhard Carl Friedrich Oppenheimer, *Hodegus Ebraeo-Rabbinicus, Das ist: Kurtze und deutliche Anweisung* [. . .] *Denen Herren Liebhabern derer Künste und Sprachen, insonderheit denen herren Advocaten, Kauff- und Handels Leuten zum Nutzen ans Licht gestellet*, Johann Andreas Azchau: Leipzig.

באָראָכאָוו, בער

1913 „די ביבליאָטעק פֿונעם יידישן פֿילאָלאָג. פֿיר הונדערט יאָר יידישע שפּראַך־פֿאָרשונג" אין ש. ניגער 1913: 1-68 (באַזונ־דערע נומערירונג צום סוף פֿון באַנד).

בוקסטאָרף, יאָהאַן

1609 Johann Buxtorf, *Thesaurus grammaticus linguae sanctae Hebraeae*, Conrad Waldkirch: Basel.

ביבליאָפֿילוס

1742 Bibliophilus, *Jüdischer Sprach-Meister oder Hebräisch-Teutsches Wörter-buch*: Frankfurt & Leipzig.

ביים, האַרטאָך

1970 Hartog Beem, *Jerôsche. Jiddische Spreekwoorden en zegswijzen uit het Nederlandse taalgebied*, 2e gewijzigde en aangevulde druk, Van Gorcum: Assen.

1975 שארית. *Resten van een taal. Woordenboekje van het Nederlandse Jiddisch*, Van Gorcum: Assen.

**ביקל, שלמה און לעהרער, לייבוש**

1958 (רעדין) שמואל ניגער־בוך, יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינס־
טיטוט: ניו־יאָרק.

**בירנבוים, שלמה**

1934 „די היסטאָריע פֿון די אַלטע u-קלאַנגען אין יידיש" אין ייוואָ־
בלעטער 6: 25-60.

Solomon A. Birnbaum, *Yiddish. A Survey and a Grammar*, Manchester University Press: Manchester & University of Toronto Press: Toronto. 1979

**בן־יעקבֿ, יצחק־אייזיק**

1880 אוצר הספֿרים, ראָם: ווילנע.

**בעש, וו. א"א**

Warner Besch et al. (eds.) *Dialektologie. Ein Handbuch zur deutschen und allgemeinen Dialektforschung* [=*Handbuch zur Sprach- und Kommunikationswissenschaft*, 1], Walter de Gruyter: Berlin & New York, 1983

**בעשענשטיין, יאָהאַן**

Johann Boeschenstein, *Elementale introductorium in Hebreas litteras Teutonice & Hebraice legendas*: Augsburg. 1514

**גאָטפֿריד, י. א.**

Johann Adam Gottfried, *Anweisung zum Jüdischdeutschen, so daß ein jeder, auch der kein Ebräisch verstehet, in den Stand gesezt werden soll, das Jüdischdeutsche in einer Zeit von längstens 8 . Tagen zu lernen*: Tübingen. 1753

גאָלאָמב, צבֿי־ניסן

1910 *מלים בלשוני. העברעאיש־אידישעס ווערטער־בוך פֿון העברע־אישע ווערטער, אויסדריקע און תורה־ווערטער, וועלכע ווערען בענוצט אין אידישען געשפּרעך און אין איהר ליטעראַטור*, א. יאַוואָרקאָווסקי: ווילנע.

גאליה, אריה

1969 *מסורת הטייטש של החומש*, דאָקטאָראַט אויפֿן העברעאישן אוניווערסיטעט, ירושלים.

גוגענהײם־גרינבערג, פֿלאָרענץ

1976 Florence Guggenheim-Grünberg, *Wörterbuch zu Surbtaler Jiddisch*, Juris Druck + Verlag: Zürich.

גוטמאַן, טעאָדאָר

1926 „אַ פּרוואוו פֿון אַ פֿאָנעטיק פֿון לאָדזשער יידיש" אין לאַנדוי־בוך [= *פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט*, 1], ב. קלעצקין: ווילנע, 377-388.

גרינבוים, מאַקס

1882 Max Grünbaum, *Jüdischdeutsche Chrestomathie. Zugleich ein Beitrag zur Kunde der hebräischen Literatur*, F.A. Brockhaus: Leipzig.

דאַווידאָוויטש און אַנדערע

1964 Lucy S. Dawidowicz et. al (organizing committee), *For Max Weinreich on his Seventieth Birthday*, Mouton: The Hague.

**דייטש העברעשער לעקסיקאנג**

[±1800] דייטש העברעשער לעקסיקאנג ענטהאלטענד אללע ווערטער דער דייטשען שפראך דיא נור איינ׳גער אממטען אין לשון עבֿרית אויש געדריקט ווערדען קענען. צום געברויך דער יידישען שולען. כּתיב לשון עבֿרית לתועלת ילדי בני ישראל החפֿצים ללמוד שפֿת עבֿרי.

**דינדע, העלמוט**

1974 Helmut Dinse, *Die Entwicklung des jiddischen Schrifttums im deutschen Sprachgebiet*, J.B. Metzlersche Verlagsbuchhandlung: Stuttgart.

**האבערזאַט, ק.**

1955-1954 C. Habersaat, "Repertorium der jiddischen Handschriften" in *Rivista degli Studi Orientali* (Rome) 29: 53-70, 30: 235-249.

**האנד לעקסיקאן**

1765 האנד לעקסיקאן אונד זאמלונג איינר מענגי לאטיינישר פֿראנצעזישר אונ׳ איטאליענישר ווערטן וועלכי צום גברויך דער קארעשפאנדענץ אונ׳ לעזונג דער ביכֿרן אונ׳ צייטונגן הויבט זעכֿליך צום נוצין דער לעהרלאזן יוגנט. פֿון איינם שרייב ערפֿאהרנן וואול עקסאמינירנד העריויז געגעבן ווארדן: נירנבערג.

**העליץ, פּאַול**

1543 Paul Helicz, *Elemental / oder lesebüchlen / Doraus meniglich / mit gutem grund underwisen wirt wie man deütsche büchlen / Missiven oder Sendbrive / Schuldbrive / so mit ebreischen / ader Jüdischen buchstaben geschriben werden. Auch die Zul / Jar /Monad / und anders zu gehörig lesen und versten sol.*
*Itz neülich an tag gegeben*: Hundesfeld.

הערץ, יוסף

1828 אסתר אדער דיא בעלאָהנטע טוגענד: פֿירט.

הערצאָג, מיכל

1965 Marvin I. Herzog, *The Yiddish Language in Northern Poland: Its Geography and History*, Indiana University, Bloomington & Mouton: The Hague.

1969 & Wita Ravid & Uriel Weinreich (eds.) *The Field of Yiddish. Studies in Language, Folklore, and Literature*, vol. 3., Mouton: The Hague.

1980 et al., (eds.) *The Field of Yiddish. Studies in Language, Folklore, and Literature*, vol. 4, Institute for the Study of Human Issues: Philadelphia.

וואַגענזייל, י. ק.

1699 Johann Christof Wagenseil, *Belehrung der Jūdisch-Teutschen Red- und Schreibart*, Paul Friederich Rhode: Kōnigsberg.

ווייגער, מ.

1912 „די יידישע אָרטאָגראַפֿיע און איר היסטאָרישע אַנטוויקלונג" אין *לעבן און וויסנשאַפֿט* (ווילנע) 5-6 (18-19): 64-70.

ווײַנרײַך, אוריאל

1964 Uriel Weinreich, "Western Traits in Transcarpathian Yiddish" in Dawidowicz et al. 1964: 245-264.

1965 „העברית האשכנזית והעברית שביידיש: בחינתן הגאוגרפית" [= *לשוננו* (ירושלים) 24: 242-252 ,(1959-1960), 25: 57-80, 180-196 (1960-1961)]: ירושלים.

1968 מאָדערן ענגליש־יידיש יידיש־ענגליש ווערטערבוך, ייוואָ און מענגראָ היל: ניו־יאָרק.

ווײַנרײַך, מאַקס

1923א Max Weinreich, *Studien zur Geschichte und dialektischen Gliederung der jiddischen Sprache. Inaugural-Dissertation zur Erlangung der Doktorwürde einer Hohen Philosophischen Fakultät der Philipps-Universität zu Marburg:* Marburg.

1923ב שטאַפּלען. פֿיר עטיודן צו דער יידישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור־געשיכטע. וואָסטאָק: בערלין.

1928 „די יידישע שפּראַך־פֿאָרשער אין 17טן יאָרהונדערט" אין צײַטשריפֿט פֿאַר יידישער געשיכטע, דעמאָגראַפֿיע און עקאָנאָמיק, ליטעראַטור־פֿאָרשונג, שפּראַך־וויסנשאַפֿט און עטנאָגראַפֿיע (מינסק) 2-3: 689-732.

1940א „יידיש" אין אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע. יידן ב, דובנאָוו־פֿאָנד: פּאַריז, 23-90.

1940ב „יידישע פֿילאָלאָגיע" אין אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע. יידן ב, דובנאָוו־פֿאָנד: פּאַריז, 101-108.

1957 „אַ שפּראַך־דאָקומענט פֿון אַרום 1800" אין יידישע שפּראַך 17: 46-52.

1958א „ראשי פּרקים וועגן מערבֿדיקן יידיש" אין מאַרק 1958: 158-194.

1958ב „בני חית און בני חית אין אַשכנז. די פּראָבלעם און וואָס די לאָזט אונדז הערן" אין ביקל און לעהרער 1958: 101-123.



G

1973 *געשיכטע פֿון דער יידישער שפּראַך: באַגריפֿן, פֿאַקטן, מעטאָדן*, 4 בענד, ייוואָ: ניו־יאָרק.

זאַלפֿעלד, ז.

1898 Siegmund Salfeld, *Das Martyrologium des Nürnberger Memorbuches*, Berlin.

זינגערמאַן, ר.

1977 Robert Singerman, *Jewish and Hebrew Onomastics. A Bibliography*, Garland: New York & London.

זיס, הערמאַן

1983 Herman Süss, "On the Authorship of 'Itzik Feitel Stern's' Pamphlets", paper placed before the Second International Conference on Research in Yiddish Language and Literature at Oxford, 10-15 July.

חיים בהאלוף הר"ר מנחם מאנש מגלוגא

[±1717] *מראה הכתב בל"א וראשי תיבות*.

חינוך קטן

1640 *חינוך קטן*: קראָקע.

1658 *ספר חינוך קטן*: אַמסטערדאַם.

[1704-1696] *חינוך קטן*: דעסוי.

[1726-1719] *ספר חינוך קטן*. האלוף כמ"ר יונה בן כהר"ר משה כ"ץ מק"ק זאברשין במדינת פיהם להזיל את כספו ולהדפיס הספר הנ"ל לזכות את הרבים, בדפוס ישראל בר אברהם ז"ל: יעסניץ.

1761 *ספירת העומר מצוה בזמנו לומר* [...] *והוספתי ספר חינוך קטן בלשון הקודש וטייטש וועלכיש יעהר נוצליך איזט ללמד בהם*

*הנערים ללשוננו הקודש ולקיים ולמדתם את בניכם*, בדפּוס המשובח אשר הוקם ע"י כהר"ר ליב זוסמנש יצו: אַמסטערדאַם.

[?179-] *חינוך קטן*[...] בדפּוס המשובח הרר הירש בן כהרר חיים זצ"ל: מפּיורדא.

טורניאַנסקי, חוה

1984 „על ספרות דידאקטית ביידיש באמסטרדם (1749-1699)" אין *מחקרים על תולדות יהדות הולנד* 4: 177-163.

1988 „לתולדות ה'טייטש־חומש' [,]'חומש מיט חיבורי'" אין *עיונים בספרות. דברים שנאמרו בערב לכבוד דב סדן במלאת לו שמונים וחמש שנה*, האקדמיה הלאומית הישראלית למדעים: ירושלים, 21-58.

[טירש, ל.]

1773 [L. Tirsch], *Nützliches Handlexicon, der jüdischen Sprache, in welchem alle den Jüden entweder eigene, oder aus dem hebräischen und Rabbinischen entlehnte Wörter mit ihrer wahren Bedeutung, enthalten sind. Nebst einigen Erklärungen, ihrer verschiedenen Gebräuche, Fast- und Festtagen, Monate, u. dgl.*, Johann Ferdinand Edlen von Schönfeld: Prague.

יאַפּע, יודאַ א. און מאַרק, יודל

1961 *גרויסער ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך*, באַנד 1, קאָמיטעט פֿאַרן גרויסן ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך: ניו־יאָרק.

1966 *גרויסער ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך*, באַנד 2, קאָמיטעט פֿאַרן גרויסן ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך: ניו־יאָרק.

יהודה אריה בן צבֿי הירש

1721 יסוד לשון הקודש. על ידי המחוקק רבי הירש בן האלוף כהר"ר חיים זצ"ל מפֿיורדא: ווילמערסדאָרף.

יוסף בר אלכסנדר המכונה יוזלן וויצן הויזן

1679 תורה נביאים וכתובים מלשון הקודש נעתקים ובלשון אשכנז נכתבים. נדפס בבית ובמצות האלוף והקצין יוסף עטיאש: אַמסטערדאַם.

יוסף בן לא"א הקדוש אברהם עטיאש זצ"ל

1679 „הקדמת המדפיס" אין יוסף בר אלכסנדר 1679.

יוסף בר אלחנן היילפרון ז"ל מאריץ לועז גר ותושב בק"ק פוזנא

1597 ספר אם הילד: פראַג.

יקותיאל בן יצחק בליץ

1678 תורה נביאים וכתובים. בלשון אשכנז. מנועם שיח יסוד לשון הקדש נעתקים ועל פי אמתת שרשה מבוארים. בבית אורי ווייבש בהר"ר אהרן: אַמסטערדאַם.

ישראל בן אברהם אבינו

1713 מפתח לשון הקדש. בדפוס שלמה בן יוסף כ"ץ פרופס: אַמסטערדאַם.

לאַנדוי, א. און וואַכשטיין, ב.

1911 Alfred Landau & Bernhard Wachstein, *Jüdische Privatbriefe aus dem Jahre 1619* [= *Quellen und Forschungen zur Geschichte der Juden in Deutsch-Österrisch*, 3]. Wilhelm Braumüller: Wien & Leipzig.

ליאָן דאַר, לעווין אַבראַם

1827 טעססעָן דיקציאָנער אָדער וואָקאַבעלן בוך. פּוילישׁ מיט יידיש טייטש. אַללע ניייגסטע ווערטר פֿון דער פּוילישע שפּראַך נאָך דעם אַלפֿא בית. מיט יידעש טייטש וויא צום בעסטין צו פֿרשטיין איבער זעצט [...]: ווילנע.

1844 איין נייער קינסטליכער בריפֿען שטעללער, ווילנע.

ליבער וואַגאַטאָרום

1528 *Von der falschen Bettler büeverey / Mit einer Vorrede Martini Luther. Und hinden an ein Rotwelschvocabularius / darauss man die wörter / so in dysem büchlein gebraucht verstehen kan*, Wittemberg.

לייבאָוויץ, נחמה

1931 Nechama Leibowitz, "Die Übersetzungstechnik der jüdisch-deutschen Bibelübersetzungen des XV. und XVI. Jahrhunderts dargestellt an den Psalmen" in *Beiträge zur Geschichte der deutschen Sprache und Literatur* (Halle) 55: 377-463.

ליפשיץ, יהושע־מרדכי

1869 ריסיש־יודישער ווערטער ביך, בדפוס א. ש. שאדאוו: זשיטאָמיר.

1876 יודעש־ריסישער ווערטער ביך, י. מ. באקשט: זשיטאָמיר.

לעווי, ע.־א.

1924 Ernest-Henri Levy, "Langue des hommes et langue des femmes en judéo-allemand" in *Mélanges offerts à M. Charles Andler par ses amis et ses élèves* [= *Publications de la Faculté des Lettres de L'Université de Strasbourg*, 21], Strasbourg & Paris, 197-215.

לעווענשטיין, ש.

1969 Steven Lowenstein, "Results of Atlas Investigations among Jews of Germany" in Herzog, Ravid & Weinreich 1969: 16-35.

מאַגיל, יוסף

1899 *מאַגיל׳ס ליניען סקול־חומש. עוזר המורה והתלמיד.* איינגעטיילט אין שורות, יעדע העברייאישע שורה פֿון חומש האט גלייך דאַנעבן די אידישע איבערזעצונג. היברו פּאבלישינג קאמפּאני: ניו־יאָרק.

מאַרק, יודל

1958 (רעד׳) יודאַ אַ. יאָפֿע־בוך. ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטי־טוט: ניו־יאָרק.

1971 גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך, באַנד 3. קאָמיטעט פֿאַרן גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך: ניו־יאָרק—ירושלים.

1980 גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך, באַנד 4. קאָמיטעט פֿאַרן גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך: ניו־יאָרק—ירושלים.

*ספֿר מדות*

1542 *ספֿר מדות*: איסני.

*מחזור מכל השנה*

1594-1593 *מחזור מכל השנה עם קצת ביאור המלות כמנהג האשכנזים* [...]: טאַנהויזן.

מידעס, מתּתיהו

1919 Matthias Mieses, *Die Gesetze der Schriftgeschichte. Konfession und Schrift im Leben der Völker*, Wilhelm Braumüller: Vienna & Leipzig.

מײלפֿירער, יאָהאַן

1607 Johan Meelführer, *Grammaticae Hebraeae Compendiosa institutio*, Paulus Bohemus: Ansbach.

מיכל בר אבֿרהם כ"ץ מרק ערליבך

1718 סדר תּפֿלה מראשית השנה ועד אחרית השנה. כמנהג אשכּנז פיהם פולין מעהרין ועל כּל מלה פּירושה בלשון אשכנז [...] כדי שכּל אדם יכֿול להבֿין מה שיתפלל. על ידי המחוקק רבי הירש בן האלוף כהר"ר חיים זצ"ל מפיורדא: ווילמערסדאָרף.

מינסטער, סעבאַסטיאַן

1524 מלאכת הדיקדוק. Sebastian Münster, *Institutiones grammaticae in Hebraeam linguam*, Froben: Basel.

מרגליות, ג.

1909-1915 G. Margoliouth, *Catalogue of the Hebrew and Samaritan Manuscripts in the British Museum*, vol. 3, British Museum: London.

מרדכי ב"ה יחיאל מיכל הלוי מק"ק סלאָוויטש

1734 ספֿר מירא דכֿיא: פֿראַנקפֿורט דאָדער.

מרדכי בר מנחם

1522 מקרי דרדקי: באָדלעיאַנער כּתֿב=יד [= נײַבויער 1866: נ' 1507].

מרדכי שמואל יעקב בן הרר יקותיאל

1590 ספר דיבר טוב: קראָקע.

משה בן יששכר שערטל

1605 ספר באר משה: פראָג.

נאָבל, שלמה

1943 חומש־טײַטש. אַן אויספֿאָרשונג װעגן דער טראַדיציע פֿון טײַטשן חומש אין די חדרים. יידישער װיסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט: ניו־יאָרק.

1964 „העברעאיזמען אין דעם יידיש פֿון מיטל־אַשכנז אין 17טן יאָרהונדערט" אין דאַווידאָוויטש און אַנדערע 1964: 401-409 [לויט דער יידישער נומערירונג: קפֿ-קל].

1962-1961 Shlomo Noble, "Yiddish Lexicography" in *Jewish Book Annual*, Jewish Book Council of America: New York, 19: 17-22.

ניגער, ש.

1913 (רעד'), דער פנקס. יאָרבוך פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פֿאַר פֿאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפֿיע, ב.א. קלעצקין: ווילנע.

נײַבויער, א.

1886 Ad. Neubauer, *Catalogue of the Hebrew Manuscripts in the Bodleian Library and in the College Libraries of Oxford*, Clarendon: Oxford.

נפתלי המכונה הירש אלט שולר

1595 אילה שלוחה, ע"י יצחק בן הח"ר אהרן ז"ל מפרוסטיץ: קראָקע.

נפֿתלי הערץ בן אברהם

1804 (איבערזעצער) *ספֿר זכר רבֿ*: שקלאָוו.

נתן נטע בן הקדוש מוהק"ר משה הנובֿר זצ"ל היד אשכנזי שהיה מקדם מתושבֿי ק"ק זסלבֿ

1660 *ספֿר שפֿה ברורה*: פּראָג.

סדר *תפֿילה*

1718 *סדר תפֿלה מראשית השנה ועד אחרית השנה כמנהג אשכנז פיהם פולין מעהרין ועל כל מלה פירושה בלשון אשכנז*: ווילמערסדארף.

ספּיוואַק, חיים און יהואש [=שלמה בלומגאַרטען]

1911 *אידיש ווערטערבוך. ענטהאַלט אַלע העברעאישע (און כאלדעאישע) ווערטער, אויסדרוקען און אייגענעמען, וועלכע ווערען געבריכט אין דער אידישער שפראך* [...], פֿערלאַג „יהואש": ניו־יאָרק.

ספּיוואַק, ע.

1939 *נײַע וואָרטשאַפֿונג*, מעלוכע־פֿאַרלאַג פֿאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן אין אוססר: קיעוו.

עבר במהו"רר פּתחיא ז"ל מק"ק אונגריש ברודא

[±1717] *מראה הכתבֿ בל"א וראשי תיבֿות*.

עריק, מאַקס

1928 *די געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור פֿון די עלטסטע צײַטן ביז דער השכלה־תקופֿה*. פֿאַרלאַג קולטור־ליגע: וואַרשע.

פּערלעס, יוסף

1884 Joseph Perles, *Beiträge zur Geschichte der hebräischen und aramäischen Studien*, Theodor Ackermann: München.

פּערעפּערקאָוויטש, ב.

1929 העברעאיזמען אין יידיש, Globus: ריגע.

פּרילוצקי, נח

1917 *דער יידישער קאָנסאָנאַנטיזם, I. די סאָנאָרלויטן [= יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פֿאָרשונגען. מאַטעריאַלן פֿאַר אַ וויסנשאַפֿט־לעכער גראַמאַטיק און פֿאַר אַן עטימאָלאָגיש ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך = נח פּרילוצקיס כּתבֿים, 7]*, נייער פֿאַרלאַג: וואַרשע.

1920 *צום יידישן וואָקאַליזם. עטיודן, 1 [= יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פֿאָרשונגען. מאַטעריאַלן פֿאַר אַ וויסנשאַפֿטלעכער גראַמאַטיק און פֿאַר אַן עטימאָלאָגיש ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך, 4 = נח פּרילוצקיס כּתבֿים, 10]*, נייער פֿאַרלאַג: וואַרשע.

1921 *דיאַלעקטאָלאָגישע פּאַראַלעלן און באַמערקונגען. עטיודן וועגן יידישן וואָקאַליזם [= יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פֿאָרשונגען, 3 = נח פּרילוצקיס זאַמלביכער פֿאַר יידישן פֿאָלקלאָר, פֿילאָלאָגיע און קולטור־געשיכטע, 2, צווייטע העלפֿט = נח פּרילוצקיס כּתבֿים, 9]*, נייער פֿאַרלאַג: וואַרשע.

1930 „יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע" אין *באַריכט פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿון דעם יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אָפּגעהאַלטן אין ווילנע פֿון 21סטן ביזן 27סטן אָקטאָבער 1929*, יידישער וויסנ־שאַפֿטלעכער אינסטיטוט: ווילנע, 143-158.

פֿאַגיוס, פּויל

1543א Paulus Fagius, *Compendiaria isagoge linguam Hebraeam*: Konstanz.

1543ב *Prima quatuor capita Geneseos Hebraice*: Konstanz.

פּילאָגלאָטוס

1733 Philog Lottus [= J.P. Lütke?], *Kurtze und gründliche Anweisung zur Teutsch-Jüdischen Sprache. Aus welcher nicht nur Teutsch-Jüdisch zu schreiben und zu sprechen kan erlernet werden, So wohl den Studiosis Theologiae, als auch den Handels-Leuten, Und allen denen, die mit Jüden zu correspondiren oder sonst zu thun haben, zum besten entworffen*, Christoph Matthäi: Freiberg.

פרידריך, קאַרל ווילהעלם

1784 Carl Wilhelm Friedrich, *Unterricht in der Judensprache, und Schrift. zum Gebrauch für Gelehrte und Ungelehrte*, Chr.Gottf. Ragoczy: Prenzlau.

צבֿי הירש שעברשין, משה בענדין, יוסף מארשן [המשתּפֿים]

1713 *ספֿר חנוך לנער*: אַמסטערדאַם.

צונץ, [לעאָפּאָלד]

1837 [Leopold] Zunz, *Namen der Juden. Eine geschichtliche Untersuchung*, L. Fort: Leipzig.

צינבערג, ישראל

1935 *די געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן. זעקסטער באַנד, אַלטער טייל. אַלט־ייִדישע ליטעראַטור פֿון די עלטסטע צײַטן ביז דער השׂכּלה־תּקופֿה*, פֿאַרלאַג „טאָמאַר": ווילנע.

קאַולי, א. ע.

1929 A.E. Cowley, *A Concise Catalogue of the Hebrew Printed Books in the Bodleian Library*, Clarendon: Oxford.

קאַלענבערג, י. ה.

1736 Joh. Heinrich Callenberg, *Jüdischteutsches Wörterbüchlein*, Buchdruckerey des jüdischen Instituti: Halle.

קאַן, פּנחס

1926 „דאָס ערשטע פּויליש־יידישע ווערטערבוך און זײַן מחבר לעווין ליאָנד'אָר" אין *לאַנדוי־בוך* [= *פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט*, 1], ב. קלעצקין: ווילנע, 235-250.

קאָפּלאַנד, ר. מ. און זיסקינד, נ.

1976 Robert M. Copeland & Nathan Süsskind, *The Language of Herz's Esther: A Study in Judeo-German Dialectology*, University of Alabama Press: University [Alabama].

קאַץ, הירשע־דוד

1979א „דער סעמיטישער חלק אין יידיש: אַ ירושה פֿון קדמונים. מעטאָדן און מעגלעכקײַטן". רעפֿעראַט אויף דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין אָקספֿאָרד, 6-9 אויגוסט.

1979ב „די אינעווייניקסטע קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די מערבֿ־יידישע דיאַלעקטן". רעפֿעראַט אויף דער 53סטער יערלעכער קאָנפֿערענץ פֿונעם יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, ניו־יאָרק, 13-10 נאָוועמבער.

1981 „יידיש און די סודותדיקע שפּראַכן. די מקורות און וואָס זיי לאָזן אונדז הערן". רעפֿעראַט אויף דעם אַכטן וועלט־קאָנגרעס פֿון יידישע שטודיעס אין ירושלים, 16-21 אויגוסט.

1982 Dovid Katz, *Explorations in the History of Yiddish*, PhD Dissertation, University of London: London.

1983 "Dialektologie des Jiddischen" in Besch et al. 1983: 1018-1041.

1986 „יוסף הערצעס אסתר: צענטראַל־מערבֿ יידיש אין פֿירט" אין *Nachrichten für den jüdischen Bürger Fürths*, אלול תשמ"ו.

1988א „אַלכּסנדר האַרקאַווי און זײַן דרײַשפּראַכיקער ווערטערבוך" אין אַלכּסנדר האַרקאַווי, ייִדיש-ענגליש-העברעאישער ווערטערבוך, איבערדרוק פֿון דער צווייטער פֿאַרגרעסערטער אויפֿלאַגע פֿון 1928, ייִוואָ און שאָקען: ניו־יאָרק.

1988ב "Origins of Yiddish Dialectology" in Katz 1988c: 39-55.

1988ג (ed.) *Dialects of the Yiddish Language. Papers from the Second Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Language and Literature, 14-16 December 1986* [= *Winter Studies in Yiddish*, 2], Pergamon: Oxford.

קאַרלינער, ב.

1910 פֿרעמד־ווערטערבוך, ב. שימין: וואַרשע.

קינג, ראָבערט ד.

1980 Robert D. King, "The History of Final Devoicing in Yiddish" in Herzog et al. 1980: 371-430.

קערלער, דוב־בער

1988 Dov-Ber Kerler, *The Eighteenth Century Origins of Modern Literary Yiddish*, Oxford University DPhil: Oxford.

קריזאַנדער, ווילהעלם קריסטיאַן יוסט

1750 Wilhelm Christian Just Chrysander, *Jüdisch-Teutsche Grammatik*, Johan Christoph Meisner: Leipzig & Wolfenbüttel.

קריסטיאַן, קריסטאָף גוסטאַוו

Christoph Gustav Christian, שילת. *Hebräisch- und Deutsche Vocabula, und Wörter-Büchlein.* 1727

ריידער, דלמן

1927 *לעקסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע.* צווייטער באַנד (כ-פּ), ב. קלעצקין: ווילנע.

רײַצענשטיין, וואָלף עהרענפֿריד פֿאָן

Wolf Ehrenfried von Reizenstein, *Der Vollkommene Pferde-Kenner* [. . .] *wie auch alphabetisches Verzeichnuss derer von den Juden sonderlich auf Ross-Märckten gebräuchlichen hebräischen Wörter, Redens-Arten und ihrer-Art zu zählen*, Joh. Simon Meyer: Uffenheim. 1764

רפל, ד.

1988 „מילונים עבריים כספרי לימוד. 500 שנה להדפסת 'מקרי דרדקי'" אין סיני 101: 235-265.

שאַדע, עליאַס

Elias Schade, *Mysterium. Das ist Geheimnis S. Pauli Röm. am II. Von bekehrung der Juden Strassburg im Munster* [. . .] *So dann auch einem gewisen Bericht / Von der Juden Teutsch-hebreischen Schrifft*, Simon Meyer: Strassburg. 1592

שודט, י. י.

Johann Jacob Schudt, *Jüdische Merckwürdigkeiten. Vorstellende was sich Curieuses und deuern Zeiten bey einigen Jahrhunderten mit denen in alle IV. Theile der Welt / Sonderlich durch Teutschland zerstreuten Juden zugetragen* [. . .], Frankfurt & Leipzig. 1718-1714

שולמאַן, אלעזר

1913 *שפת יהודית-אשכנזית וספרותה. מקץ המאה הט"ו עד קץ שנות המאה הי"ח*, יצא לאור ע"י בני משפחתו של המחבר המנוח בהשגחת י. ת. טביוב, בדפוס אלי לעווין: ריגע.

שטיינבערג, ישראל

1949 העברעאיזמען אין ייִדיש, וואַרשע. 

שטיינשניידער, מ.

1849 M. Steinschneider, "Jüdisch-deutsche Literatur (Fortsetzung)" in *Serapeum. Zeitschrift für Bibliothekwissenschaft, Handschriftenkunde und ältere Literatur* (Leipzig), 10: 9-16, 25-32, 42-48, 74-80, 88-96, 107-112, 10.8: 54-55, 57-59, 68-70.

1860-1852 *Catalogus librorum Hebraeorum in Bibliotheca Bodleiana*, Ad. Friedlænder: Berlin.

1859 *Bibliographisches Handbuch über die theoretische und praktische Literatur für hebräische Sprachkunde*, Fr. Chr. Wilh. Vogel: Leipzig [Zweite Auflage nebst Zusätze und Berichtigungen, Bamberger & Wahrmann: Jerusalem 1937].

שטיף, נחום

1932 „אויף דער שוועל פֿונעם 19טן יאָרהונדערט [...]. די איבער־קערעניש אין דער ייִדישער שריפֿט־שפּראַך סוף 18טן, אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, I" אין *אַפֿן שפּראַכפֿראָנט* 3-2 (30-29): 1-40.

שטענצל, אַבֿרהם־נחום

1978 רעקאָרדירטער אינטערוויו, לאָנדאָן־ווײַטשעפּל, דעם 10טן נאָוועמבער.

שטערן, איטציג פֿייטעל

1833 *מדרשספר לתהקדיש אשקנז ואשקנס לתנהקדיש* [sic!]
Itzig Feitel Stern, *Lexicon der jüdischen Geschäfts- und Umgangs-Sprache. Zwei Theile. Vom Jüdischen in's Deutsche und vom Deutschen in's Jüdische. Mit einem Anhang zur Erlernung der Lussnekoudischen Sprache*, George Jaquet: München.

1834 *Louberhüttenkränz fer dien Eisig Herzfelder seiner Louberhütt*, F. W. Goedsche: Meissen.

שטערק, וו. און לײַצמאַן, א.

1923 W. Staerk & A. Leitzmann, *Die judisch-deutschen Bibelübersetzungen von den Anfängen bis zum Ausgang des 18. Jahrhunderts*, J. Kauffman: Frankfurt a. M.

שיפּער, יצחק

1924 „דער אָנהייב פֿון „לשון אַשכּנז" אין דער באַלײַכטונג פֿון אָנאָמאַטישע קוועלן" אין יידישע פֿילאָלאָגיע (וואַרשע) 1: 101-112, 272-287.

שלאָסבערג, ב.

1938 „'מרכּבֿת המשנה' — דער עלטסטער געדרוקטער יידישער שפּראַך־דאָקומענט" אין ייוואָ־בלעטער (ווילנע) 13: 313-324.

שלמה זלמן לונדון

1722 ספר קהלת שלמה: אַמסטערדאַם.

שמערוק, חנא

1981 ספרות יידיש בפולין. מחקרים ועיונים היסטוריים, מאגנס, האוניברסיטה העברית: ירושלים.

1986 Chone Shmeruk, "Jews and Poles in Yiddish Literature in Poland Between the Two World Wars" in *Polin* 1: 176-195.

שעכטער, מרדכי

1984-1986 (רעד') י. מ. ליפֿשיץ — דער גרויסער ראשון, ייוואָ: ניו־יאָרק [= יידישע שפּראַך 38].

שמחה בכ"ר גרשון הכהן

1657 *ספר שמות והוא חבור שמות אנשי' ונשים שמות הקדוש ורומנייא וספרד ואשכנז ושאר לשונות הגוים וקצת שמות עיירות ונהרות מדינה ומדינה ככתבה ועם ועם כלשונו:* װענעדיג.

## הערה און דאַנק וואָרט

די איצטיקע אַרבעט איז אָנגעשריבן געוואָרן אין פֿרילינג 1983 פֿאַרן ליפֿשיץ־נומער פֿון יידישע שפּראַך (באַנד 38), וואָס זי האָט אָבער ניט געקענט דערשײַנען צוליב איר לענג. איך האָב דעמאָלט גענאָסן פֿון דער פֿרײַנדלעכער הילף פֿון פּראָפֿ' שמעון אַבראַמסקי (לאָנדאָן) און ד"ר אריה פּילאָווסקי (חיפֿה). פּראָפֿ' אַבראַמסקי, הערמאַן זיס (פֿירסטענפֿעלדברוק), ראובֿן ראָזענפֿעלד (דעמאָלט אין פֿירט) און ד"ר משה־נתן ראָזענפֿעלד (לאָנדאָן) האָבן מיר פֿרײַנדלעך דערלויבט פֿאָטאָקאָפּירן מאַטעריאַלן. בעתן צוגרייטן די אַרבעט צום דרוק אין 1989 האָבן מאַריאָן אַפּטראָד (אָקספֿאָרד) און פּראָפֿ' וואָלף מאָסקאָוויטש (ירושלים) געגעבן אַ צאָל געלונגענע עצות. ריטשאַרד דזשאַד, דער ממונה איבער העברעאיש און יידיש אין דער באָדלעיאַנער ביבליאָטעק, אָקספֿאָרד, האָט ניט געזשאַלעוועט קיין מי צוצוהעלפֿן בײַם אויפֿזוכן מאַטעריאַלן.

אַ גאָר באַזונדערן דאַנק ד"ר דובֿ־בער קערלערן פֿאַר זײַן גאָר ברייטהאַרציקער און וויכטיקער הילף.

זיי אַלעמען אַ האַרציקן יישר כח. די אַחריות פֿאַרן אינהאַלט ווי אויך פֿאַר טעותן טראָג איך אַליין.